הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ט

ה טעם העפט

דער

# גרײדיצער

# רבי אליהו גוטמאכער זצ"ל

פון פרײסען

דאָ איז בעשריבען די צװײ שרקליכע און זעהר װאונדערליכע מעשיות װאָס דער גרײדיצער צדיק האָט בעװיזען ארויס צו טרײבען א דבוק פון

# פיער מכשפות

און די צװײטע מעשה איז װאָס ער האָט אַרױס געטריבען אַ שרעקליכען דיבוק פון א שטארקען רוח הטומאה.

איבערגעזעצט פון בעריהמטען ספר װאָס דער טארלער רבי הגאון ר' יודל ראזענבערג שליט"א פון לאדז האָט ארױס גיגעבען מיט'ן נאמען

# הדרת אליהו

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק שלאמאװיץ
לאדז נאװאמיעסקא נומר 16
אשר קנה הזכות לצמיתות מאת המחבר הרה"ג ר' יודל ראזענבערג הנ"ל.

פיעטרקוב

בדפוס הגגיד מו"ה שלמה בעלכאטאװסקי

ספריית אגודת חסידי חב"ד
אדל יוסף יצחק
ליובאוויטש
U.S.A.

PRINTED IN POLAND.
DRUK. SIKORA I MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

**דא איז בעשריבען די שרעקליכע און זעהר וואונדער־ליכע מעשה, וואס ווערט געברענגט אין גריידיצער רב'ס ספר „צפנת פענח", וואס דער הייליגער צדיק האט אליין אנגעשריבען זעהר בקיצור, ווי אזוי ער האט ארויסגעטריבען א שוועהרען דיבוק פון א אינגעל, וואס ביי איהם אין בויך זענען געזעסען פיער רוחות — מכשפות. און מיט דעם כח פון זיין תהלים זאגען האט ער זיי פערטריבען. אבער דא איז די גאנצע מעשה בעשריבען פונקטליך, לויט ווי מענשען, וואס זענען געשטאנען דערביי, האבען דערצעהלט.**

די מעשה איז פארגעקומען בשנת תרל"ג אין א קליין שטעדטעל פון אונגארן, וועלכעס הייסט „רושעצין". נעבען דעם שטעדטעל רושעצין איז א גרויס דארף. דארט אין דעם דארף האט זיך געפונען אן'אלטע גוי'ה, וועלכע איז געוועזען בעוואוסט אין גאנצען געגענד פאר א גרויסע מכשפה., די מכשפה האט געהאט דריי גרויסע טעכטער, וואס קיינער האט זיי נישט געוואלט נעמען פאר פרויען. ווארען א גוי לייידט אויך נישט קיין מכשפה. דאס איז ביי זיי אויך גערעכענט פאר א גרויסען פערברעך, ווער ס'גיט זיך אן צו כשוף. אלזא זענען די דריי טעכטער געזעסען ביז'ן גראהען צאפ צוזאמען מיט די מוטער אין א הייזעל פון עק דארף. די אלטע מכשפה האט די דריי טעכטער אויך אויסגעלערענט כישוף מאכען. און פון דעם איז געוועזען זייער פרנסה. האט עמיצער געוואלט קלוגען א שונא, איז ער אנגעקומען בסוד צו די מכשפות, און זיי האבען שוין געמאכט די קלוג. גענומען האבען זיי דערפאר א ביסעל קארטאפעל און שפייז, און אמאהל אויך עטליכע גילדען. האט זיך איין פויער צוקריגט מיט'ן צווייטען האט ער שוין דעם אנדערען אנגעמאכט א קלוג, אבער א פערד איז איהם געפאלען אדער בלינד געווארען. אבער די קיה האבען אויפגעהערט צו געבען מילך. דאס איז אלץ געמאכט געווארען דורך די מכשפות. בקיצור די מכשפות האבען געווארפען א שרעק אויפ'ן גאנצען דארף.

אזוי ווי ס'האט זיך אבער אנגעקליבען פיעל צרות אין דארף דורך די מכשפות, האבען זיך געמאכט עטליכע גוים א האסלע אויף זיי, מען זאל זיי מבער זיין פון דער וועלט איינגאנצען. דאס האט געמוזט אויסגעפיהרט ווערען זעהר שטרענג בסוד. אמאהל ביינאכט האט פלוצלונג דאס הייזעל פון די מכשפות אנגעהויבען צו ברענען. בעווארענט איז געווארען פריהער, אז זיי זאלען נישט קאנען באלד ארויסלויפען, נישט דורך קיין טהיר און נישט דורך קיין פענסטער. בקיצור אלע פיער מכשפות זענען אומגעקומען אין דעם הייזעל. זייערע אבגע־

ברענטע

ברענטע קערפערס האבען אבער די גוים נישט געלאזט בעגראבען אינוועניג אין סמענטארוש, וואס איז געוועזען נישט ווייט פון דעם דארף. נאר ס'איז געבליבען ביי די גוים, מען זאל די פיער קערפערס בעגראבען נעבען סמענטארוש אין דרויסען, ביים געמויערטען פערקאן, וואס האט ארומגעצוימט דעם גאנצען סמענטארוש. דער פלאן איז אזוי טאקי אויסגעפיהרט געווארען, און מען האט דערנאך דעם גרובען גאר נישט דערקאנט.

דאס שטעדטעל רושעצין איז שטענדיג געוועזען אן'ארעם שטעדטעל. דאס רוב איינוואהנער האט זיך מפרנס געוועזען פון די דערפער וואס זענען געוועזען סרום דעם שטעדטעל. זיי פלעגען אלע אין דערפריה ארויס צו לויפען אין די ארומעדיגע דערפער, יעדער האט שוין געהאט זיינע געשעפטען צווישען די פויערין און פארנאכט פלעגען זיי אהיים קומען. איז געוועזען אין דעם רושעצין א פויערעשער שניידער מיט'ן נאמען ארקע. דער ארקע שניידער פלעגט זיך אויך אזוי פיהרען, אלע אין דער פריה איז ער מיט'ן זעקעל אויף די פלייצעס ארויס אין דארף אריין, דעם פויער פערראכטען די סוקמאנע, דעם געלעגט א לאטע, און אמאהל איז ער אויך בעגליקט געווארען צו מאכען גאר וועלכען פויער א נייע סוקמאנע. אזוי האט ער אבגעפיהרט אלע טעג. און אויף דער נאכט איז ער אהיים געגאנגען שטענדיג מיט עטליכע מטבעות אין טאש.

דער ארקע שניידער האט שוין געהאט א דערוואקסען בחור'ל פון א יאהר עלף. האט ער נישט געקאנט צאהלען פון איהם קיין מלומד געלד, איז דאס בחור'ל ארומגעלאפען הפקר. אלע קאזעס און חזרים פון דעם שטעדטעל, זענען געוועזען זיינע חברים. פאר די מוטער האט ער קיין שום מורא נישט געהאט. ער האט זי צוריק געשאלטען און צוריק געשלאגען. די מוטער פלעגט שטענדיג פער'מסור'ן דעם תכשיט פאר'ן פאטער, ווען ער איז אהיים געקומען פון דארף. דער פאטער איז אבער געוועזען שטענדיג מיעד אויף די נאכט. ער פלעגט איהם מכבד זיין אמאהל מיט עטליכע פעטשלעך, אבער דאס האט גאר נישט געהאלפען, ער איז נאך ערגער געווארען. דאוועגען מיט א ברכה מאכען איבער'ן עסען איז ביי איהם געוועזען ווי סם, א ציצה-כנפות איז איהם אויך פער'מאוס'ט געווארען צו טראגען. און אז ער האט שוין יא געטראגען א ציצה-כנפות זענען די ציצית קיינמאהל נישט כשר געוועזען. דער פאטער מיט די מוטער האבען געזעהן אז דער תכשיט ווערט אלע מאהל ערגער איז ביי זיי בעשטומט געווארען אז דער פאטער זאל איהם אנהייבען מיט צו נעמען אין דארף אריין און ביסלעכווייז איהם אנהויבען צו לערנען שניידעריי.

דאס אינגעל האט געהייסען איציקעל. אז דער פאטער האט איהם געפרעגט: „איציקעל אפשר וועסטו מיט מיר גיין אלע טאג אין דארף אריין, וועסטו מיר העלפען טראגען דאס פרעס-אייזען און וועסט דיך אנהויבען צו לערנען שניידעריי? סיי ווי זעה איך דאך, אז קיין רב וועסטו שוין נישט זיין". איציקעל איז צו דעם פארשלאג צו געפאלען, זא ווי פוטטער צו ווארעם ברויט. און דאס געשעפט איז באלד געשלאסען געווארען. זומער איז דאמאלסט געוועזען. איציקעל האט זיך אויפגעכאפט אלע טאג אין דערפריה און איז

מיט'ן

מיט'ן פאטער מיט געלאָפען אין דאָרף אריין . און ווי געוועהנליך ביי אזא גביר איז איציקעל ארום געלאָפען באָרוועס אינגאַנצען, אָבער נאַקעט נישט אינגאַנצען, באר האלב. דאָס זשיבעצעל האָט ער איבערגעלאָזט אין דערהיים אויף שבת. דעם ציצה־כנפות האָט ער אויך געפּלעגט מעהר איבער צו לאָזען אין דערהיים ווי מיט צונעמען, אויב ס'איז נאָר איהם געראָטען אַז דער פאָטער האָט זיך אויף דעם נישט גוט אומגעקוקט, קיין גרויסע נפקא מינה איז אפילו נישט געוועזען וואָרען קיין גאַנצע ציצית האָבען זיך סיי ווי ביי איהם נישט געקאָנט קיינמאָהל דערהאַלטען. דער וועג וואָס אָרקע שניידער פּלעגט אַלע טאָג מיט זיין איציקעל לויפען אין דאָרף אריין איז אויסגעקומען פערביי צוגעהן נישט ווייט פון דעם סמענטאַרזש וואָס דאָרט זענען בעגראָבען געוואָרען אין דרויסען נעבען פערקאַן די פיער פערברענטע מכשפות אָבער זייער גראָבען איז גאָר נישט געוועזען צו דערקאָנען. קיין שום צייכען איז נישט געשטאַנען, און ס'איז געוועזען גלייך מיט די ערד.

מאַבט זיך אַמאָהל אַ מעשה אַז אָרקע האָט זיך אביסעל אין דאָרף פערשפּעטיגט. און ווען ער איז מיט איציקלען אַהיים געגאַנגען איז שוין געוועזען דונקעל אביסעל פינסטער. און פּונקט ווען זיי זענען פערביי געגאַנגען פאר'ן סמענטאַרזש האָט איציקלען געדרייט אין די קישקעס, און ער האָט געדאַרפט ארויסצוגעהן. איז ער אַראָבגעלאָפען פון וועג צום סמענטאַרזש צו אין דער זייט, און האָט זיך אַנידערגעזעצט נקיות צו פערבראָכען נאָהנט נעבען פערקאַן פון סמענטאַרזש. דאָס אָרט איז פּונקט געוועזען ווי די מכשפות זענען געלעגען בעגראָבען, און אַזוי ווי דאָס איציקעל איז דאַמאָלס אין קיין ציצית נישט געגאַנגען, האָבען די פיער אומרייניגע רוחות פון די פיער מכשפות געהאַט איבער איהם אַ שליטה, זיי זאָלען אין איהם אריין פאר דאָס וואָס ער האָט פער'מיאוס'ט זייער קבר.

אָרקע האָט זיך דערווייל אביסעל אַנידער געזעצט אויפ'ן וועג און האָט געוואַרט אויפ'ן זוהנדעל. ער האָט אָבער געזעהן אַז איציקעל זיצט עפּעס צו לאַנג, האָט ער אָנגעהויבען אויף איהם צו שרייען, און האָט איהם אָנגעהויבען אויפצושילטען פון דער ווייטענס אַ שפּאָהר ביסעל קללות. אָבער מען הערט נישט קיין איציקעל און מען זעהט נישט קיין איציקעל. אָרקע איז זעהר בייז געוואָרען, חאַפּט דעם שטעקען זייניגעם און לויפט אַהין צו דעם אָרט ווי איציקעל איז פערקראָכען, גיט ער אַ קוק זעהט ער אַז איציקעל ליגט גאָר אויף די ערד אויסגעצויגען און איז פער'חלש'ט. אָרקע האָט איהם אָנגעהויבען צו רייסען ביי די אויערען, צו קראַצען ביי די פּאַדעשווים פון די פיס. הכלל ער האָט איציקלען קוים דערמונטערט. אָבער געזעהן האָט שוין איציקעל מעהר נישט געקאָנט. אָרקע פרעגט איציקלען: „וואָס איז דיר עפּעס געשעהן? פאר וואָס ענטפערסט דו מיר נישט? פאר וואָס הייבסט דו דיך נישט אויף"? האָט ער דערהערט עפּעס אַ משונה'דיג גראָב קול פון איציקעל'ס מויל די ווערטער פּויליש: „מילטש פשאַקרעוו זשידזשע"! אָרקע איז אָבגעשפּרינגען פון אָרט פאר גרויס שרעק און האָט אַליין אויך שיעור גע'חלש'ט. ער האָט אביסעל געוואַרט ביז ער איז געקומען

צו זיך, איז ער ווידער צו געגאַנגען צו איציקלען, פֿרעגט איהם ווייטער די זעלבע שאלות, אָבער איציקעל האָט איהם גאָר נישט געענטפֿערט, נאָר גע־קרעכצט. אָרקע האָט גערעכענט אַז איציקעל איז שווער קראַנק געוואָרען, האָט ער איהם גענומען אויף די פלייצעס און האָט זיך קוים אהיים דערשלעפּט.

ווען אָרקע איז אהיים געקומען איז שוין געוועזען עטליכע שעה אין דער נאַכט. ער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין פערסאָפּעט פערשוויצט, האָט ער איציקלען געלעגט אויפ'ן בעט, און ער האָט זיך אַביסעל אָבגעריהט. די מוטער איז צו געלאָפען צו איציקלען, האָט איהם אָנגעהויבען צו גלעטען ביי די בעק־לעך און פרעגט איהם: „איציקעל וואס איז דיר? וואס טהוט דיר וועה? אפשר דער בויך, אפשר דער קאָפּ?" דאַן איז פּלוצלונג ווידער דערהערט געוואָרען עפּיס אַ קוויטשעדיג משונה'דיג קול, אויף די זעלבע ווערטער: „מילטש טו פּשאַקרעוו יוחא". די מוטער האָט זיך אויך שטאַרק פאַר דעם קול דערשראָקען, זיי האָבען גאָר נישט געוואוסט וואס צו קלערען. הכלל קודם האָט מען געשיקט נאָך אַ פעלדשער. דער פעלדשער איז געקומען האָט ער איציקלען בעטראַכט, זעהט ער עפּיס אַ גרויסען אָנגעבלאָזענעם בויך. זאָגט דער פעלדשער נישט אַנדערש, נאָר אַז איציקעל האָט זיך געמוזט מיט שוואָמען פערגיפטען, איז איהם דער בויך אַזוי געשוואָלען געוואָרען, און איז אויך דערביי צומישט געוואָרען. דער פעלדשער האָט איהם איינגעגעבען אָבצופיהרען מען האָט איהם אויך געמאַכט קריסטירען. אָבער דער בויך איז גאָר נישט קלענער געוואָרען, נאָר פערקעהרט, נאָך גרעסער. האָט דער פעלדשער געזאָגט אַז דאָס איינגעל דאַרף אַ גרויסען דאָקטאָר. און אַזוי ווי אין רושעצין איז קיין דאָקטאָר נישט געוועזען, האָט דער פעלדשער געזאָגט אַז דאָס גלייכסטע איז מען זאָל דאָס איינגעל אַוועק פיהרען קיין בוראַפּעסט אין שפּיטאָל אריין.

אײדער דער אָרקע איז מיט איציקלען אוועקגעפאָהרען אין שפּיטאָל אריין, האָבען ווידער פאָטער און מוטער איהם געגלעט און געקושט און שטאַרק גע־בעטען, ער זאָל זיי ענטפערען אַ וואָרט, וואס טהוט איהם וועיה. דאַן האָבען זיי ווידער דערהערט פון זיין מויל פּלוצלונג גאָר אַ ניי משונה'דיג קול: „אוטשעק זשידושע פּשאַקרעוו סטונד!" אַלע מענשען וואס האָבען דאָס משונה'דיג קול דער־הערט האָבען זיך אָנגעהויבען צו סוד'לען שטילערהייט, אַז דאָס איז עפּיס נישט קיין פּשוט'ע זאַך, אָבער דאָך אַז מען האָט שוין אַזוי בעשטעלט אוועק צו פאָה־רען מיט איהם אין שפּיטאָל אריין, איז גאַנץ גלייך. קודם לאָז מען הערען וואס גרויסע דאָקטוירים וועלען צו די קראַנקהייט זאָגען. אַזוי האָבען אַלע מסכים גע־וועזען. מען האָט איציקלען ארויפגעלעגט אויף אַ פיהר, און דער פאָטער איז מיט איהם אוועקגעפאָהרען.

אין בוראַפּעסט האָבען די שפּיטאָל דאָקטוירים בעטראַכט דעם קראַנקען איציקלען אַלע טאָג. זיי האָבען אָבער נישט געקאָנט דערגעהן וואס די קראַנקהייט איז פונקטליך. זיי האָבען אָנגענומען אַז ביי איהם אין בויך וואַקסען פיער גוזעס, אָדער אָנגעבלאָזענע פּעכהערס מיט אַזאַ מ ן גאַז. צו אָפּערירען איהם האָבען זיי פאָרט נישט געוואָלט זיך אונטער נעמען, בעוויל זיי האָבען פאָרט נישט גע־

וואוסט

וואוסט געענוי וואס פאר א גוזעס דאס זענען, אז ציים צעהן טאג זענען זיי אזוי גרוים אויפגעוואקסען. און דאס טרעפט זיך קיינמאהל נישט. אלזא האבען זיי איהם מורא געהאט צו מאכען אנ׳אפעראציע, נאר זיי האבען פערלעגט א כח צו היילען איהם מיט מעדיצינען. אבער אז זיי האבען געזעהן, אז די מעדיצינען ווערקען גאר נישט, זענען זיי מיער געווארען און האבען איהם אויסגעשריבען פון שפיטאל.

ארקע האט געזעהן אז אין בודאפעסט האט ער קיין הילף נישט איז ער אהיים געפאהרען. מענשען האבען איהם געשמיצט אויפ׳ן וועג אומעטום ווי ער איז אדורך געפאהרען. אמאהל האט ארקע געהאט ביי זיך אין טאש א פלעשעל בראנפען, ווען דאס הארץ איז איהם אוועק געוועזען האט ער געטרינקען אביסעל בראנפען. איז איהם איינגעפאלען צו געבען איציקלען אויך אביסעל בראנפען. אז איציקעל האט אויסגעטרינקען דאס ביסעל בראנפען איז ער גאר פריילך גע־ווארען און האט אנגעהויבען צו שמייכלען. פלוצלונג דערהערט ארקע פון איצי־קעלים מויל וויטער א געשריי מיט א פרעמד קול: „דאווי זידושע יעשטשע מראַ־חען וואדקי״! דאס הייסט גיב נאך אביסעל בראנפען. ארקע האט געגעבען איציק־לען נאך אביסעל בראנפען. פלוצלונג דערהערט ער ווידער פון איהם אנ׳אנדער קול אלץ פוילניש: „אי דליא מניע טראחען וואדקי״. דערנאך הערט ער ווידער נאר אנ׳אנדער קול אויך די זעלבע ווערטער. דערנאך ווידער אנ׳אנדער קול אלץ די זעלבע ווערטער דערנאך האט ווידער דאס ערשטע גראבע קול אויך ארוים־געשריגען, וואדקי און וואדקי. ארקע האט אזוי באמערקט פיערליי קולות, ער איז נבהל ומשתומם געווארען און האט נישט געוואוסט פאר שרעק וואס צו טהון. פלוצלונג דערזעהט ער ווי איציקעל ווערט בראהן און בלאה אויפ׳ן פנים, און דער האלז ווערט איהם גראב און אנגעבלאזען ווי א גרויסער טאפ. ארקע האט נישט געוואוסט וואס צו דעם צו טהון האט ער געחאפט דאס פלעשעל בראנפען און האט איהם אריינגעגאסען אין מויל אריין א גלעזעל. האט ער דערהערט א משוגה׳דיגען אויסגעשריי מיט א געלעכטער: דאברושע! דאברושע! ארקע האט באמערקט אז דער האלדז איז געווארען דינער אביסעל, אבער נישט אינגאנצען. האט ער וויטער געגעבען איציקלען א גלעזעל בראנפען. האט ער ווידער דער־הערט אנ׳אנדערען אויסגעשריי: טאק טא דאבזשע! און דער האלדז איז ווידער נאך א ביסעל דינער געווארען, אבער נאך אלץ נישט אינגאנצען. אז ארקע האט געזעהן אז דער בראנפען איז א רפואה האט ער ווידער געגעבען נאך א גלעזעלע און נאך א גלעזעלע. נאך יעדען גלעזעלע בראנפען האט ער אלץ דערהערט פון איציקעלס מויל אזא פרעמדען אויסגעשריי: א טא דאברזשע! הכלל נאך פיער גלעזעלך בראנפען איז דער האלדז געווארען צוריק נארמאל. ביי דעם האט ארקע באמערקט פיערליי קולות.

צומארגענס האט ארקע דערהערט פלוצלונג ווי איציקעל בילט, פונקט זא ווי א הונד. נאכ׳ן בילען איז ווידער דער האלדז געווארען אנגעבלאזען ווי א גרויסער טאפ, און דאס פנים איז געווארען בראהן און בלאה. ארקע האט באלד געחאפט דאס פלעשעל בראנפען און האט אנגעהויבען צו געבען אזוי ווי נעכטען, ביז

ביז פֿיער גלעזלעך, איז דער האַלדז בּיסלעכווייז צוריק אײַנגעגאַנגען. אין דריטען טאָג האָט אָרקע ווידער דערהערט פּלוצלונג, ווי איציקעל האָט אָנגעהויבּען צו מריטשען, פּונקט זאָ ווי אַ קאַלבּ, און באַלד איז איהם ווײַטער דער האַלדז געוואָרען אַזוי שטאַרק אָנגעלאָפֿען און דאָס פּנים איז געוואָרען באַלד בּראָהן און בּלאָה. אָרקע האָט שוין געוואוסט די רפֿואה וואָס מען דאַרף טהון צו די מכה. האָט ער איציקלען באַלד אַרײַנגעגאָסען אין מויל אַרײַן פֿיער גלעזלעך בּראַנפֿען, איינס נאָכ'ן אַנדערען, איז דאָס פּנים מיט'ן האַלדז געוואָרען בּיסלעכווייז צוריק נאָרמאַל.

פֿון די אַלע סימנים איז שוין אָרקע אַליין אויך געווען אַ מבין, אַז דאָס איז נישט קיין געוועהנליך קראַנקהייט. נאָר אַז איציקעל האָט עפּעס אין זיך אַרײַנגעקריגען עטליכע דיבּוקים דאָרט בּיים סמענטאַרזש. זעהר כאַראַקטעריסטיש איז געוועזען צו זעהן אַז בשעת דער האַלדז איז בּיי איציקלען געוואָרען אַזוי גראָבּ איז דער בּויך בּיי איהם געוואָרען נאָרמאַל. און אַזוי ווי נאָר דער האַלדז האָט אָנגעהויבּען אײַנצוגעהן איז דער בּויך גרויס געוואָרען ווי אַ פֿעסעל. אַזעלכע סצענעס האָט זיך גאַנץ עפּטער אָנגעשפּיעלט בּיי איציקלען, און אָרקע איז שוין אַזוי צוגעוואָהנט געוואָרען, אַז ער האָט שטענדיג געמוזט האָבּען בּיי זיך אַ פֿלעשעל בּראָנפֿען, און מכבּד זיין די דיבּוקים אַלע טאָג מיט פֿיער גלעזלעך בּראַנפֿען אין דער פֿריה, און דאָס זעלבּע נאָכאַמאָל ווידער בּיינאַכט.

מענשען האָבּען אָרקען ערקלעהרט אַז ער מוז אָנהייבּען אַרום צופֿאָהרען צו די גרויסע גוטע־אידען זיי זאָלען פֿון איציקלען די דיבּוקים אַרויס טרײַבּען. דאָס ערשטע האָט מען איהם פֿאָרגעלעגט ער זאָל פֿאָהרען קיין בּעלז אין גאַליציען. ווען אָרקע איז מיט איציקלען געפֿאָהרען קיין בּעלז, האָט זיך געמאַכט אַז ער איז פֿערבּיי געפֿאָהרען אין אַ דאָרף פֿאַר אַ קרעטשמע, און די פֿיהר זיינע האָט זיך אָבּגעשטעלט פֿאַר די קרעטשמע, איבּערצופֿאַשען אַבּיסעל דאָס פֿערדעל. פּונקט האָט דאַמאָלס געשפּיעלט אין די קרעטשמע אַ שפּילער אויף אַ פֿידעלע און מען האָט דאָרט אַבּיסעל געטאַנצט אויך. אַזוי ווי איציקעל האָט דערהערט דאָס פֿריילּיכע שפּיעלען, זעצט ער זיך פּלוצלונג אויף, קריכט אַראָבּ פֿון די פֿיהר, און איז אַרײַנגעקראָבּען אַליין אין קרעטשמע אַרײַן אויף אַלע פֿיער, דאָס הייסט אויף די הענד מיט די פֿיס, און אַרײַנקומענדיג אין קרעטשמע אַרײַן איז ער אַרײַן צווישען די טענצערס אין מיטען שטיבּ און האָט אויך אָנגעהויבּען צו טאַנצען אויף אַלע פֿיער אַזוי ווי אַ הינטעל. ס'איז געוועזען צו בּעמערקען, אַז דאַמאָלס בּיים טאַנצען, איז דער בּויך געוואָרען נאָרמאַל, נאָר די צוויי הענד מיט די צוויי פֿיס זענען גראָבּ געוואָרען ווי די קריגען. און ס'איז געוועזען זעהר כאַראַקטעריסטיש צו בּאַמערקען, אַז יעדער האַנד און יעדער פֿיס האָט בּעזונדער געטאַנצט און בּעזונדער געקלאַפּט גאָר אַנדערש אויף די ערד. ס'איז געוועזען זעהר וואונדערבּאַר דאָס צו צוקוקען. די טענצערס פֿון די קרעטשמע האָבּען גאָר נישט געוואוסט וואָס דער טענצער איז, האָבּען זיי געמיינט אַז דאָס איז עפּעס אַ מין קונצענמאַכער. האָבּען זיי געהייסען שפּיעלען, פּלוצלונג אָבּער האָט זיך איציקעל אַ ציה אויס געטהון אויף די ערד, דאָס פּנים איז איהם געוואָרען בּראָהן און

בּלאָה

בלאָה און דער האַלדז איז געוואָרען גראָב ווי אַ גרויסער טאָפּ. די צוזעהרס האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען. דאַן איז באַלד אָרקע צו געלאָפען, האָט איהם אַריינגענאָסען פיער גלעזלעך בראָנפען, איז באַלד דאָס פנים מיט'ן האַלדז געוואָרען צוריק נאָרמאַל, און די הענד מיט די פיס זענען צוריק גראָב געוואָרען, און איציקעל האָט אָנגעהויבען ווייטער אַזוי משונה'דיג צו טאַנצען, מיט יעדער האַנד בעזונדער, און מיט יעדער פיס בעזונדער. ס'איז געווען זעהר וואונדערליך צו צוקוקען.

אויסגעלאָזט האָט זיך דער טאַנץ אַזוי: אָרקע האָט זיך פאַר זיי געזשאַלעוועט אַז דאָס איז זיין קינד, און אַז דאָס טאַנצען אַזוי איז איהם אַרום „ניעטשיסטע-דוחעס". דאָס הייסט אומריינע רוחות, און ער האָט ביי זיי געבעטען עפּעס געלד. איז דאָרט געווען איין פויער, וואָס אַזוי ווי ער האָט דערהערט, אַז אין דעם טענצער איז דאָ אַ „ניעטשיסטע-דוח", האָט ער געחאַפּט אַ שטעקען, איז צו געלאָפען צו איציקלען און האָט איהם געגעבען אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען איבער די פלייצעס. זאָגענדיג דערביי, אַז אַ ניעטשיסטע-דוח דאַרף מען צו דערהרג'ענען. און אַזוי ווי ס'פאַרשטעהט זיך, האָט דער שלעגער געהאַט נישט איין גלעזעל בראַנפען אין קאָפּ. אָבער אַזוי ווי נאָר איציקעל האָט בעקומען אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען, האָט ער זיך פּלוצלונג אַ שטעל אויף געטהון מיט'ן פנים קעגען איבער דעם שלעגער, און דער שלעגער האָט בעקומען פון איציקעלס צוויי פויסטען צוויי זעץ אין זיינע אויגען אַריין, אַזוי אַז דער שלעגער איז באַלד אַנידערגעפאַלען אַהינטער, און פון די צוויי אויגען האָט אָנגעהויבען צו רינען בלוט. דערצו נאָך איז געהערט געוואָרען פון איציקעלס מויל פּלוצלונג אַן אומגעהאַרישען אויסגעשריי מיט זעהר אַ גראָב קול: „וואַן סטונד טו פשאַמאַטש!" אַלע וואָס זענען געווען אין קרעטשמע האָבען זיך פון דעם קול אַזוי שטאַרק דערשראָקען אַז זיי זענען אַלע פון דאָרט ענטלאָפען. אָבער איציקעל האָט זיך שוין מעהר נישט געוואָלט ריהרען פון אָרט, דער בויך איז געוואָרען צוריק ווי אַ פעסעל. אָרקע האָט מיט אַלע קרעפטען איציקלען צוריק אַרויפגעלעגט אויף די פיהר און איז מיט איהם אוועק געפאָהרען קיין בעלז.

אין בעלז איז געווען אַזאַ מנהג. אַז ס'איז געקומען אַ דיבוק האָט מען איהם נישט אַריינגעלאָזט אַזוי גיך אין בית המדרש אַריין צום רבי'ן. נאָר ער איז אָבגעשטאַנען אין דרויסען אויפ'ן הויף פון בית המדרש ווי לאַנג, אַמאָהל עטליכע טאָג, און אַמאָהל עטליכע וואָכען, ביז דער רבי האָט פריהער אַרויסגעשיקט דעם משמש מיט'ן רבינ'ס שטעקען אין דער האַנד. דער משמש האָט זיך אויסגעפרעגט ביי די מענשען וואָס זענען מיט געקומען מיט'ן דיבוק אַלץ ווי אַזוי ס'איז מיט איהם צוגעגאַנגען ביז אַהער. דערנאָך האָט דער משמש אַ געשריי געטהון צום דיבוק: „זעהסט דעם שטעקען וואָס איך האָב אין דער האַנד, דאָס איז אַ צייכען פון רבי'ן וואָס האָט מיך צו דיר געשיקט דו זאָלסט זאָגען ווער דו ביזט און פאַר וואָס ביזט דו דאָ אַריין. דער משמש האָט זיך אַלץ אויפגעצייכענט אין אַ ביכעלע און האָט דאָס פאַרגעשטעלט פאַר'ן רבי'ן און אויב דער רבי האָט געוואָלט העלפען דעם דיבוק האָט ער געהייסען איהם צו פיהרען צו זיין פענסטער

טער· דער רבי האָט געפּלעגט עפענען דאָס פענסטער זיינס און אויסשמועסען זיך מיט'ן דיבוק דורכ'ן פענסטער· האָט מען שוין געוואוסט, אז דער איז א געהאָלפענער. און וועלכען דיבוק דער בעלזער האָט נישט געוואָלט העלפען, האָט ער געהייסען מען זאָל מיט איהם אַוועק פאָהרען.

אַז אָרקע איז אָנגעקומען מיט איציקלען צום בעלזער איז ער אויך אַריינ-געפאָהרען אין הויף פון בית המדרש און איז דאָרט אָנגעשטאַנען אַ גאַנצע וואָך. דאָס געלויף אָנצוקוקען דעם דיבוק איז געוועזען זעהר גרויס. וואָרען אַמאָהל האָט מען געהערט איהם ביללען ווי אַ הינד, אַמאָהל מריטשען ווי אַ קאַלב. גע-געסען האָט ער זעהר פיעל. און נאָך יעדען ביללען אָבער נאָך יעדען מריטשען האָט מען איהם געמוזט געבען פיער גלעזלעך בראָנפען. טאָמער האָט מען איהם נישט באלד געגעבען איז ער שיעור דערוואָרגען געוואָרען. דורך דעם אַלעם האָט זיך די גאַנצע שטאָדט זעהר אינטערעסירט מיט דעם דיבוק.

האָט זיך געמאַכט אַז איציקעל האָט אָנגעהויבען זעהר הויך צו בילען ביינאַכט. דער בעלזער צדיק האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען דאָס בילען. האָט דער בעלזער צדיק אָנגעזאָגט דעם משמש אַז באלד צומאָרגענס אין דערפריה זאָל ער אַרויסגעהן מאַכען די חקירה ודרישה ביי דעם דיבוק, וואָס בילט אַזוי שטאַרק ביינאַכט. ס'איז געקומען אין דערפריה איז דער משמש אַרויסגעגאַנגען מיט'ן רבי'נס שטעקען צו דער פיהר ווי איציקעל איז געלעגען. אָרקע האָט דערצעהלט דעם משמש אלסדינג, און דער משמש האָט אַלץ פערצייכענט ביי זיך אין ביכעלע. אָבער אַז דער משמש איז צוגעגאַנגען צו איציקלען און האָט איהם אָנגעהויבען אויסצופרעגען, ווער ער איז, און פאַרוואָס איז ער דאָ אין דעם אינגעל אַריין. האָט דער משמש בעקומען פון איציקלען אַ שפּיי אין פנים אַריין און ס'איז גע-הערט געוואָרען אַן'אויסגעשריי מיט אַן'אומגעהאַרעש גראָב קול: „נאַבאַק ווידושע פשאַקרעוו!" דער משמש האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און איז אָבגעשפּרונגען פון דער פיהר. ער האָט שוין נישט געוואוסט וואָס צו טהון. דאַן איז דער משמש אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן און האָט איהם דערצעהלט, וואָס פאַר אַ פערשאָלטער דיבוק דאָ געפינט זיך. האָט דער רבי צו איהם געזאָגט: „געה און לעג אַרויף מיין שטעקען אויף זיין בויך און אויפ'ן פנים, און פרעג איהם נאָכאַמאָל אויס אַלסדינג".

דער משמש איז צוריק אַרויסגעגאַנגען און האָט אַזוי געטהון. דאַן איז דער דיבוק שוין געלעגען רוהיג, און דאָ איז שוין געוועזען צוהערען, נישט קיין משונה'-דיג קול, נאָר דאָס נאַטירליכע איציקעל'ס קול, ער האָט דערצעהלט אַז ווען ער איז געוועזען ביים סמענטאַרזש און איז נישט געגאַנגען אין קיין ציצית, זענען אין איהם אַריין דורכ'ן מויל די פיער מכשפות. וואָס זענען דאָרט געוועזען בע-גראָבען. ער האָט אויסגערעכענט ווי יעדערע הייסט און ווי אַלט יעדערע מכשפה איז. ער האָט אויך דערצעהלט, אַז אַזוי ווי זיי זענען געוועזען גרויסע פיאַטשקעס ביים לעבען, און דאָס פלעשעל בראָנפען איז ביי זיי פון טיש קיינמאָהל נישט אַראָבגענומען געוואָרען, אַזוי מאַכען זיי איהם היינט אויך דעם טויט, אַז מען זאָל זיי געבען אַלע טאָג פיער גלעזלעך בראָנפען. עס זאָל אויסקומען פאַר יעדער

מכשפה

מכשפה אײַן גלעזעל. און אויב מען זאל זיי דעם בראַנפֿען נישט געבען, קריכען אלע פֿיער מכשפות אַ־ײַן צו איהם אין האלדז אַרײַן און ווילען איהם דערשטיקען. דער משמש האָט אלע רײד איציקעלם אויפֿגעצײכענט און ביכעלע אַרײַן, האָט צוריק אראָבגענומען דעם שטעקען און איז אַרײַנגעגאַנגען דאָס אַלץ פֿאַרצולעגען פֿאַר'ן רבי'ן.

אזוי ווי דער בעלוער צדיק האָט דאָס דערהערט האָט ער אָנגעהויבען צו שרײַען: „אוועק! אוועק! שוין זאל מען מיט די מכשפות אַרויספֿאָהרען פֿון מײַן הויף. ס'שטעהט „מכשפה לא תחיה". אפילו נאָכ'ן טויט זאל מען אויך זיי קײַן טובה נישט טהון". דער משמש איז באלד ארויסגעגאַנגען צו אָרקען און האָט איהם געהײסען אוועק פֿאָהרען. באשר דער רבי זאָגט אז ער קאָן איהם גאַר נישט העלפֿען. די רײד האָבען געבעקה דעם אָרימען אָרקע'ן געטראָפֿען ווי אַ דונער אין האַרץ אַרײַן, ער האָט געמײנט אז דאָ וועט שוין קומען צו איהם די הילף, צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ גאָר נישט. ער האָט אָנגעהויבען זעהר צו ווײנען, וואָס זאל ער אצונד טהון. קײן געלד האָט ער אויך שוין נישט. דאן האָט דער משמש ארויסגענומען צעהן רײניש און האָט איהם געשענקט, אָבער ער זאָל באלד ארויספֿאָהרען פֿון הויף. דאָך האָט אָרקע זעהר געבעטען דעם משמש, ער זאל זיך איבער איהם דערבארמען, און איהם זאָגען עפעס אַן עצה, וואָס זאל ער אצונד טהון. אפשר איז עפעס דאָ נאָך ערגיץ אזא צדיק, וואָס גיט זיך אָן מיט דיבוקים ארויסטרײַבען. האָט דער משמש צו איהם געזאָגט, אז זײן עצה איז, ער זאָל מיט דעם דיבוק פֿאָהרען צום גרײדיצער רב, ווײל מען הערט אז ער איז אויך אַ גרויסער בעל מופת.

אָרקע האָט נעבעך פֿערשטאַנען אז ער קאָן שוין דאָ לענגער נישט שטעהן, האָט ער זיך געזעגענט מיט'ן משמש און איז אַרויסגעפֿאָהרען. ער האָט געפֿאָלגט דעם משמש און האָט געצויגען קײַן גרײדיץ. דער וועג ווײַטער קײַן גרײדיץ האָט געדויערט עטליכע וואָכען, און ווי ער איז אַדורך געפֿאָהרען איז די גאַנצע שטאָדט געלאָפֿען זעהן די וואונדער פֿון דעם דיבוק. און אויך פֿיעל דאָקטוירים האָבען זיך זעהר אינטערעסירט מיט דעם דיבוק. מען האָט דעם אָרימען אָרקע געשאָפֿט אומעטום עטליכע רובל, און ער האָט זיך אזוי אלע מאהל ווײטער און ווײטער געשלעפּט אויף דעם יועגעלע מיט איציקלי'ן ביז ער איז אַרײַנגעקומען קײַן גרײדיץ.

דאָרט אין גרײדיץ איז נישט געווען אזוי שטרענג ווי אין בעלז. אלע צרות, אלע קאליקעס, אלע דיבוקים האָט מען גלײַך אַרײַנגעלאָזט אין דעם קלויז פֿון גרײדיצער רב, דאָרט ווי דער גרײדיצער רב האָט געפֿלעגט אלע טאָג אַ ש־עור מיט בחורים לערנען. אָרקע האָט גענומען איציקלען אויף די פּלײצעס און מיט איהם גלײַך אַרײַנגעגאַנגען אין דעם קלויז פֿון גרײדיצער רב בשעת ער איז געזעסען און געלערענט מיט די ישיבה בחורים. אָרקע האָט גאָר נישט געקוקט אויף קײן שום גליקען, נאָר איז באלד צו געגאַנגען צום גרײדיצער רב און האָט אַ געשרײַ געטהון מיט אַ געוויין: „הײליגער צדיק! איך בין אהער געקומען צו אײַך איש פֿון אונגאַרען מיט מײַן צרה. דערבאַרעמט אײַך און העלפֿט מיר!"

דער גרײדיצער רב האָט געזאָגט צו אָרקען: „נו רב איד! וועמס נאָר אײַער צרה.

צרה. לאָז מען נאָר זעהן וואָס דאָס איז עפּעס אַזוינס. נעמט איהם נאָר קודם אַראָב פון די פּלייצעס און לאָזט איהם אַראָב אויף די ערד״. ארקע האָט איציק־לען אַראָבגעלאָזט אויף די ערד האָט ער אָנגעהויבען אַרום צו קריכען אין בית המדרש אויף אַלע פיער, אַזוי ווי אַ הינטעל. ארקע האָט נאָך אין דעם טאָג נישט געהאַט געגעבען איציקלען די פיער גלעזלעך בראָנפען. דעריבער האָט ער באַלד די קונץ אין די קלויז פאַר׳ן גרייִדיצער רב געמאַכט. ער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען צו בילען זאָ שטאַרק ווי אַ הינד. און בעוויַיל ארקע איז נישט באַלד צוגעלאָפען אײַנצוגעבען איציקלען די פיער גלעזלעך בראָנפען, איז ער שיעור דערשטיקט געוואָרען פון דעם וואָס די מכשפות זענען ביי איהם אַריין אין האַלז אַריין. דער האַלז איז באַלד זעהר גראָב געשוואָלען געוואָרען און דאָס פּנים איז ביי איהם געוואָרען ברוין און בלאָה. ארקע איז באַלד צו געלאָפען און האָט איציקלען אַרײַנגעגאָסען פיער כוסה׳לעך בראָנפען איז ער געוואָרען צוריק לעבעדיג.

נאָך די קונץ האָט דער גרייִדיצער רב געהייסען ארקע זאָל זיין איציקלען אויסטהון, ער וויל איהם גוט בעטראַכטען. דער גרייִדיצער רב האָט געוויזען אַז עס געפינט זיך ביי איציקלען אין בויך אַזוי ווי פיער גרויסע טעפּלעך. דער גרייִדיצער רב האָט צו איציקלען אַ געשריי געטהון: „הער נאָר מיך אויס, אַז דו האָסט טאַקי יאָ אַזוי ליעב בראָנפען, וועל איך דיר געבען נאָך פיער גלעזלעך בראָנפען, און לאָז ווערען דער בויך ביי דיר נאָרמאַל אַזוי ווי ביי אַלע מענשען״. אַזוי ווי דער גרייִדיצער רב האָט אויסגעלאָזט זיינע ווערטער איז געהערט גע־וואָרען פון איציקעלס מויל פּלוצלונג אַ גרויס געלעכטער חאַ, חאַ, חאַ. אָבער יעדער האָט בעמערקט, אַז דאָס איז נישט געוועזען איין קול, נאָר פיערליי קולות. און באַלד איז טאַקי דער בויך געוואָרען קלענער, אָבער פאַר דאָס זענען ביי איציקלען ווייטער די פּלייצעס געוואָרען פּלוצלונג אַזוי הויך ווי אַ פעסעל. דער גרייִדיצער רב האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל „נו פאַר די קונץ ביזטו טאַקי ווערט נאָך פיער כוסה׳לעך״. און האָט געהייסען ארקע׳ן איהם אַרײַנגיסען אין מויל אַריין נאָך פיער גלעזלעך בראָנפען. נאָך דעם איז באַלד געוואָרען צוריק דער בויך ווי אַ פעסעל און די פּלייצעס זענען געוואָרען צוריק נאָרמאַל.

דער גרייִדיצער רב האָט אויסגעפרעגט ארקען פון אל״ף ביז ת״ו, ווי אַזוי ס׳האָט זיך מיט איהם פּאַסירט. ארקע האָט דערצעהלט כסדר אַלץ. ער האָט אויך דערצעהלט פון בעלז, ווי אַזוי ס׳איז דאָרט צו געגאַנגען, און וואָס איציקעל אַליין האָט דאָרט דערצעהלט מיט זיין אייגען קול וועגען די פיער מכשפות. נאָך דעם האָט דער גרייִדיצער רב געזאָגט צו ארקע׳ן ער זאָל געהן מיט איציקלען אויף אַ סטאַנציע ערגעץ דאָ נאָהנט פון דעם קלויז און ער זאָל מיט איציקלען אַרײַנקומען דאָ אין קלויז אַריין אַלע טאָג אין דער פריה אויף עטליכע שעה. און דער גרייִדיצער רב האָט ארקען מבטיח געוועזען, אַז ווען ער וועט נאָר פערשטעהן אַז ס׳איז אַ שעת הכושר, וועט ער זיך נעמען צו דער זאַך. און ער פערהאָפט אַז השם יתברך וועט איהם זיין בעהילפיג אין דעם, ער זאָל קאָ־נען די רוחות הטומאה פערטרייבען.

ארקע

אַרקע האָט געטהון אַזוי ווי דער גריידיצער רב האָט איהם געהייסען. אַ איז אַלע טאָג מיט איציקלען אַריינגעקומען אין קלויז אַריין. דער עולם איז גאָר געוואָרען מיט איציקלען היימיש. ס'האָט זיך שוין געפֿונען פֿון די בחורים וואָס געוויינט קונצען מיט איציקלען. זיי האָבען צו איהם געזאָגט: „איציקער בע־קומסט באַלד פֿיער כוסה'לעך בראָנפֿען און מאַך דעם בויך דין און די פלייצעס הויך". איציקעל האָט געפֿאָלגט. אַמאָהל האָט מען איהם געהייסען פֿאַר פֿיער כוסה'לעך. האָט ער געטאַנצט אויף אַלע פֿיער אַזוי ווי ער האָט געהאַט גע־טאַנצט אין קרעטשמע. בקיצור דער דיבוק איז געוואָרען אַזוי מפֿורסם אַז מען איז געקומען פֿון אָרום און אָרום צו פֿאָהרען פֿלייסיג זעהען די אויסערגעוועהנ־ליכע וואונדער. עס זענען אויך געקומען פֿיעל דאָקטוירים און פֿערשידענע בע־אַמטע צו בעטראַכטען דעם איציקלען. אַמאָהל האָט אַ דאָקטאָר געפֿרעגט דעם גריידיצער רב, פֿאַר וואָס ער האַלט גלאַט דאָ אויף דעם קראַנקען אַזוי לאַנג בחנם, און היילט איהם נישט. האָט דער גריידיצער רב איהם געענטפֿערט, איך וויל אַז פֿריהער זאָלען די אַלע אפיקורסים וואָס גלויבען נישט אין קיין רוחות מיט דיבוקים, זיך גוט ערקונדיגען ביי דעם חולה, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדער קראַנקהייט, נאָר טאַקי אַ דיבוק פֿון רוחות הטומאה.

אַמאָהל האָט זיך געמאַכט, ווען ס'איז געוועזען ראש חודש, האָט דער גריידיצער רב געזאָגט אַרקען, ער זאָל מיט'ן חולה זיין אין קלויז ביים דאַוו־נען ווען מען וועט זאָגען הלל. נאָכ'ן דאַוונען האָט דער גריידיצער רב בע־שטעלט, אַז אין זיין שטיבעל זאָלען זיצען זיבנע צוויי אַלטע דיינים פֿון שטאָדט. דער גריידיצער רב האָט זיך אַנידערגעזעצט צוזאַמען מיט די דיינים און האָט געהייסען אַריין ברענגען איציקלען אין זיין שטיבעל אַריין. דאָרט אין זיין שטי־בעל האָט דער רב געהייסען מען זאָל איציקלען אַנידערזעצען אויף אַ שטוהל עגענאיבער זיין פנים. פנים צו פנים. און אַרקען האָט דער רב אַנגעזאָגט ער זאָל שטעהן פֿון הינטען ביי די שטוהל און זאָל איציקלען פֿעסט צו האַלטען אונטער די אָרימעס. דער גריידיצער רב האָט געזאָגט: „מיר בית דין של מטה זאָגען אַ פסק אַז די רוחות האָבען דאָ גאָר נישט וואָס צו טהון. זיי דאַרפֿען פֿון דעם אינגעל אַרויס אָהן שום שאַדען און מיר בעטען אַז דער בית דין של מעלה זאָל אויך אַזוי מסכים זיין". אָבער דער דיבוק האָט זיך נישט געריהרט פֿון אָרט. איז געלעגען אויפ'ן טיש אַ תהלים'ל, האָט דער גריידיצער רב אויפ־געעפֿענט דאָס תהלים'ל און האָט אָנגעהויבען צו זאָגען שטילערהייט עטליכע פסוקים פֿון תהלים. דערביי האָט ער מכוון געוועזען גרויסע כוונות. אָבער דער דיבוק האָט זיך נישט גערירט. דאָס האָט אַזוי געדויערט בערך אַ שעה צייט. דערנאָך האָט דער גריידיצער רב געהייסען, אַז אַרקע זאָל איציקלען אַרויס־נעמען און געהן מיט איהם צוריק אויף דער סטאַנציע. און דער רב האָט געזאָגט אַרקען, אַז צו מנחה ומעריב זאָל ער ווידער אַהער ברענגען דעם חולה אין קלויז אַריין.

נאָך מנחה האָט זיך ווידער דער גריידיצער רב אַנידערגעזעצט ביי זיך אין שטיבעל מיט זיינע צוויי אַלטע דיינים און האָט ווידער געהייסען ברענגען פֿאַר זיך

זיך דעם איציקלען. מען האָט איציקלען ווידער אַנידערגעזעצט אויף די שטוהל, אַזוי ווי אין דער פריה נעגען איבער דעם גרײַדיצער רב. דאַמאָלס האָט ווידער דער גרײַדיצער רב איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט אין דערפריה, אַז דאָס בית דין של מטה זאָגט אַ פסק, אַז דער דיבוק דאַרף פון דעם אינגעל אַרויס. און דערנאָך האָט ווידער דער גרײַדיצער רב אויפגעמישט דאָס תהלים׳ל און געזאָגט שטילערהייט עטליכע פסוקים מיט גרויסע כונות. אָבער דער דיבוק האָט זיך נאָך אַלץ פון אָרט נישט געוואָלט ריהרען. דאָס האָט אויך אַזוי געדויערט אַ קנאַפּע שעה. דערנאָך האָט דער גרײַדיצער רב געהייסען אַרקען, ער זאָל אַרויסגעהן מיט איציקלען און קומען ווייטער אין דערפריה צום דאַווענען מיט׳ן חולה. אַזוי האָט דער גרײַדיצער רב אָבגעפּיהרט מיט דעם דיבוק כמעט אַ גאַנצע וואָך, צוויי מאָהל אין טאָג, נאָך שחרית און נאָך מנחה. אַלץ צוזאַמען מיט זיינע צוויי אַלטע דיינים. אָבער מען האָט נאָך אַלץ קיין שום פיצעל ישועה נישט געזעהן.

האָט זיך געמאַכט אַז דער גרײַדיצער רב איז אַהיים געקומען פון אַ פּדיון הבן. האָט ער אַ געשריי געטהון: „לאָז מען ברענגען אַהער דעם איינגעשפּאַרטען דיבוק. אפשר וועט היינט זיין אַן עת רצון, אַז דאָס אינגעל זאָל אויך אויסגעלייזט ווערען פון זיינע צרות״

מען איז באַלד געלאָפען צו אַרקען, זאָגען דעם באַפעהל פון גרײַדיצער רב. אַרקע האָט געחאַפּט איציקלען און איז מיט איהם איינגעלאָפען צום גרײַדיצער רב. דערווייל זענען זיך באַלד אָנגעלאָפען הונדערטער מענשען אין דער קלויז אַריין. דער גרײַדיצער רב איז דאַמאָלס געזעסען אויף זיין שטוהל אין זיין שטיבעל דאָס פּנים האָט ביי איהם געברענט ווי אַ פייער. בײדע אַלטע דיינים זענען געזעסען בײם טיש. מען האָט ווידער איציקלען אַנידערגעזעצט אויף אַ שטוהל, אַזוי ווי שטענדיג נעגענאיבער דעם רב, און אַרקע איז געשטאַנען פון הינטען און האָט איציקלען פעסט צוגעהאַלטען אונטער די אָרעמעס.

דער גרײַדיצער רב האָט ווידער איבערגע׳חזר׳ט די זעלביגע ווערטער, אַז דאָס בית דין של מטה זאָגט אַ פסק אַז דער דיבוק דאַרף פון דעם אינגעל אַרויס אַהן שום שאָדען. און ער האָט ווידער געבעטען אַז דער בית דין של מעלה זאָל אויך אַזוי מסכים זיין. דערנאָך האָט דער גרײַדיצער רב ווידער אויפגעמישט דאָס תהלים׳ל און האָט אָנגעהויבען צו זאָגען שטילערהייט עטליכע פסוקים תהלים מיט גרויס כונה.

פלוצלונג איז געהערט געוואָרען זעהר אַן אומגעהערשער אויסגעשריי פון איציקעלס מויל, אַז אַלע מענשען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און איציקעל האָט אַ וואַרף געטהון מיט דער האַנד אויף זיין לינקער זייט. דער גרײַדיצער רב האָט געהייסען געשווינד עפענען דאָס פענסטער. דערנאָך האָט ער בעקוקט די לינקע זייט, האָט מען געזעהן, אַז איין אָרט פון די פיער הויכע ערמער אין איציקעלס בויך, איז לעהדיג געוואָרען.

דאַן האָט דער גרײַדיצער רב אַ געשריי געטהון צו איציקלען: „זאָלסט שוין

זאָגען

זאָגען, צו זענען די דיבוקים פון דיר אַרויס צו נישט". איציקעל האָט באַלד געקאָנט ענטפערען מיט זיין אייגען קול. און האָט געזאָגט אַז די עלטסטע מכשפה איז שוין פון איהם אַרויס אָבער איהרע דריי טעכטער מכשפות זיצען נאָך ביי איהם אין בויך.

האָט דער גרייִדיצער רב געזאָגט: „נו אַז ס'איז ווייטער יאָ אצונד אַנ'עת רצון, וועט מען ווידער מתפלל זיין השם יתברך זאָל העלפען אַז די דריי זאָלען אויך אַרויס". באַלד האָט דער גרייִדיצער רב ווידער גענומען דאָס תהלים'ל און האָט ווידער מתפלל געוועזען מיט גרויס כונה עטליכע פסוקים תהלים בערך פינף מינוט.

פּלוצלונג איז ווידער געהערט געוואָרען אַשרעקליך אויסגעשריי פון דריי ערליי קולות, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון איציקעלס מויל. דער אויסגעשריי איז געוועזען אַזוי הויך און אַזוי מורא'דיג, אַז די קולות זענען געהערט געוואָרען אויף די גאַנצע גאַס. דאָס פענסטער איז נאָך געוועזען אָפען. דאַן איז איציקעל געבליבען זיצען בלאַס ווי דער קאַלעך זעהר פער'חלש'ט. מען האָט איהם געריבען און אָבגעוואַשען מיט שפּירט, איז ער אינגאַנצען צו זיך געקומען און האָט לייכט אָבגעאָטהעמט. אַלע האָבען באַמערקט אַז דער בויך איז ביי איהם באַלד אינגאַנצען נאָרמאַל געוואָרען.

דאַן האָט איהם ווידער דער גרייִדיצער רב געפרעגט: „נו איציקעל! האָסט נאָך אין בויך די מכשפות?" איציקעל האָט שוין אַשמייכעל געטהון און האָט געענטפערט: „אָה! זיי זענען שוין אַלע פערהאַפּט געוואָרען". נאָך דעם איז באַלד איציקעל שוין אַליין אַראָב געגאַנגען פון שטוהל, און האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַליין אַרום צו דרעהן איבער די שטיב. ארקע האָט געוויינט פאַר שמחה און דער קידוש השם איז געווען דאַמאָלס אין גרייִדיץ זעהר גרויס. וואָרען אַלע האָבען געזעהן איציקלען פריהער, און אַלע האָבען איהם געזעהן דערנאָך. קיינער האָט דעם מופת נישט געקאָנט אָבלייקענען.

די שטאָדטס'לייט האָבען זיך צונויפגעלעגט, ארקע זאָל האָבען מיט וואָס אהיים צו פאָהרען. זיי האָבען איהם געשאַפט צוויי הונדערט מאַרק. ווען ארקע איז געקומען מיט איציקלען געזעגנען זיך, האָט דער גרייִדיצער רב אָנגעזאָגט ארקען, ער זאָל היטען דאָס אינגעל, ער זאָל שטענדיג געהן אין כשר'ע ציצית, ער זאָל אַלע טאָג אין דערפריה זיך וואַשען און דאַווענען, נאָכ'ן דאַווענען זאָל ער אַלע טאָג זאָגען צעהן קאַפּיטלעך תהלים, ער זאָל אויף די נאַכט דאַווענען מנחה ומעריב און בענטשען און קריאת שמע לייענען, וואָרען ער איז שוין אַנ'אָנגעזעגנטער. און אַז ער וועט זיך נישט פיהרען עכט אידיש, איז ער ווידער אין אַסכנה, אָבער די אייגענע רוחות קאָנען אין איהם צוריק אַריין, אָבער אַנדערע דיבוקים קאָנען אין איהם אַריין. אָבער אַז ער וועט זיך פיהרען עכט אידיש, האָט ער גאָר נישט וואָס מורא צו האָבען". דער גרייִדיצער רב האָט זיי געזעגנט און זיי זענען בשלום אהיים געפאָהרען.

און ס'איז טאַקי אַזוי געוועזען, אַזוי ווי דער גרייִדיצער רב האָט פאָראויס געזעהן. איציקעל איז די ערשטע עטליכע וואָכען גאַנץ פרום געוועזען. האָט

מקיים

מקיים געווען אַלץ פּונקטליך, אַזוי ווי דער גרײדיצער רבּ האָט איהם אָנגע-זאָגט. אָבער דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבען אַלע מאָהל מעהר און מעהר שלעכט זיך אויפצופיהרען. דער סוף איז געווען אַז אין דריי חדשים אַרום האָט איציקעל ווידער צוריק אַריינגעקריגען אין זיך אַ רוח רע פון איין מכשפה, וואָס זענען גע-ווען ביי איהם דאָס ערשטע מאָהל און ער איז געוואָרען צוריק קראַנק אַזוי ווי פריהער. אָרקע האָט געמוזט ווידער זיך שאַפען אַ פערד און וועגעלע און איז ווייטער געפאָהרען צום גריידיצער רבּ און נאָך עטליכע חדשים האָט ער זיך קוים דערשלעפּט קיין גריידיץ.

דער גריידיצער רבּ האָט איהם דערזעהן. האָט ער אַ שמייכעל געטהון און האָט צו איהם געזאָגט: „נו געדענקסט איך האָב דיך געוואָרענט, אַז מען דאַרף איהם היטען שטאַרק, ער זאָל זיך פיהרען עכט אידיש, אַז נישט איז ער שטענ-דיג אין דער זעלבער סכנה". אָרקע האָט זיך פערענטפערט, אַז דורך די שווערע און ביטערע פרנסה זיינע, קאָן ער איהם נישט אַזוי גוט שטענדיג אָבהיטען. אָבער דאָך פון היינט אָן, אַז ער וועט צוריק געזונד ווערען, נעמט ער אויף זיך, ער זאָל שוין פון איהם קיין אויג נישט אַראָבלאָזען, נאָר ער זאָל איהם שוין גוט אָבהיטען. אָבער אצונד האָט שוין דער גריידיצער רבּ נישט געדאַרפט פער-לעגען אויף דעם דיבוק אַזאַ גרויסען כח, נאָר ער האָט מיט איין קאַפּיטעל תהלים דעם דיבוק באַלד פעריאָגט אויף שטענדיג. אָרקע איז מיט איציקלען אַהיים גע-פאָהרען פריש און געזונד. אָבער איציקעל האָט זיך שוין אַליין געהיטען די ביי-נער, און האָט זיך געפיהרט עכט אידיש, האָט ער שוין פון די צרה מעהר נישט געוואוסט.

# צווייטע וואונדערליכע מעשה.

דא איז בעשריבען די וואונדערליכע מעשה, ווי אזוי דער גריידיצער רב האט ארויסגעטריבען פון א אינגעל זעהר א שווערען דיבוק פון א מסור, וועלכער האט זיך צום סוף גע'שמד. די מעשה ווערט אויך געברענגט אין גריידיצער רב'ס ספר „צפנת פענח", נאר זעהר בקיצור. אבער דא איז זי בעשריבען גענוי פונקטליך, אזוי ווי ס'דערצעהלען מענשען וואס געדענקען נאך היינט די מעשה.

דעם אידישען נאמען פון דעם דיבוק מיט די שטאדט, וואו ער איז געוועזען קאן מען נישט ארויסשטעלען בפירוש דא אין דעם ספר, בעוויל ס'איז היינט דא אין עטליכע שטעדט אידישע דורות פון דעם מסור־משומד. וואס פיהרען זיך גאנץ אידיש.

אין א יודיש שטעדטעל אין פוילען, ראדאמער גובערניע, נעבען די עסטרייכישע גרענעץ, און נישט ווייט פון די פרייסישע גרענעץ, האט זיך געפונען א איד א גרויסער פושעי ישראל, וואס האט זיך פערנומען מיט מסירות. דאס הייסט אז דאס איז געוועזען זיין ספעציעלע מלאכה וואס ער האט זיך פון דעם מפרנס געוועזען. פון אלע אריבערגעשווארצטע סחורות ביי ביידע גרענעצען האט מען איהם געמוזט געבען עפעס אין צו לעקען. און אויב נישט האט ער באלד גע־מסור'ט. דער פושעי עוכר ישראל האט געברענגט זעהר פיעל אומגליקען אויף גאנץ שעהנע אנגעזעהענע אידישע פאמיליעס. פיעל עהרעלע אידען האבען גע־שמאכט אין קרימענעלער דורך זיינע מסירות. פיעל רייכע אידישע פאמיליעס זע־נען ארעם געווארען דורך דעם פושעי ישראל. זיין נאמען איז געוועזען צו שאנד און שפאט ביי אלע אידען. קינדער אין די וויגען וואס האבען נאר אנגעהויבען צו רעדען האט מען זיי שוין געלערענט שעלטען דעם מסור האט איינער גע־דארפט אויס צו בייטלען זיינע בייזע חלומות האט ער אלץ אויסגעבייטעלט צו דעם מסור'ס קאפ דאס אלץ האט אבער איהם גאר נישט געשאדט, ער איז געוועזען געזונד ווי א אייזען און קיין שום קרענק האט זיך נישט געוואלט מדבק זיין אין זיין טרפה לייב. אין די יונגע יאהרען זיינע האט ער געהאט א ווייב מיט קינדער. דאס ווייב איז געוועזען א גאנץ אידיש מענש און פון דער צייט אהן וואס ער איז אזוי קאלי געווארען און האט זיך גענומען צו דער שענדליכע

פרנסה איז זי פון איהם ענטלאפען צו איהרע עלטערען קיין ראדאם און זי איז אין א קורצע צייט ארום געשטארבען. דאן האט זיך דער פושעי ישראל גענו-מען א גויה און האט מיט איהר געוואהנט. זי האט מיט איהם געהאט עטליכע קינדער.

אז דער פושעי ישראל האט אנגעהויבען אלט צו ווערען, האט ער זיך מיישב געוועזען, אז נאך זיין טוידט, ווער ווייסט, צו די אידען וועלען גאר וועלען איהם קובר זיין, ווער ווייס וואס זיי וועלען אמאהל מיט איהם בהון. אין אידישען גן-עדן אריין האט ער זיך אויך נישט גערעכט צו קומען. דאס זעלבע האט די גויה זיינע אויך מיט איהם שטענדיג גע'טענה'ט. אלזא איז ביי זיי גע-בליבען ער זאל זיך אב'שמד'ן, וועט מען דאך חאטש איהם בעגראבען מיט אזא שעהנעם פאראד ווי אלע קריסטען, און ער וועט נאך זיכער אויף יענע וועלט אריין קומען אין גוי'שען גן-עדן אויך.

אזוי ווי ער האט אבגעקלערט אזוי האט ער טאקי אבגעטהון. ער האט אבגעווארט ביז מאנאט מאי און האט זיך גע'שמד'ט. דער גלח האט איהם א נא-מען געגעבען מייעווסקי. די שטאדט איז פון דעם באלד געוואהר געווארען און פון קליין ביז גרויס האט מען שוין געוואוסט אז מען האט געדארפט ארויס צו לאזען א קללה פון מויל איז עס אלץ ארויפגעגאנגען אויף „מייעווסקעלע משומד", אדער אזוי ווי טייל האבען איהם גערופען „מייעווסקעלע מסור". ווארען דאס גע-שעפט פון מסור'ן האט ער נאכ'ן שמד'ן אויך נישט געוואלט אוועקלעגען. דער מסור-משומד איז אלט געווארען עטליכע זיבעציג יאהר און איז גע'פגר'ט.

אז די זינדיגע נשמה איז געקומען אויף יענע וועלט (דאס האט אזוי דער גריידיצער רב אליין דערצעהלט) האט מען נישט געפונען פאר די נשמה קיין איין זכות. מען האט עטליכע מאהל אויסגערופען אין הימעל, אפשר געפינט זיך עפיס ערגיץ א נשמה'לע אדער א מלאך'ל, וואס ווייס עפיס א זכות אויף דער נשמה, צו זאגען אויף איהר עפיס א שטיקעל מליצה טובה, און קיינער האט זיך נישט אנגערופען. נאך שוין נאכ'ן לעצטען מאהל אויסרופען, איז עפעס פארט געקומען פאר'ן בית דין שלמעלה א צוקראכען מלאך'ל, און קוים וואס ער האט געקאנט דערצעהלען מיט אן אראבגעלאזטען קאפ און האלב געשעמטע אויגען פאר בושה, מ'שטיינסגעזאגט, ווער זיין באשעפער איז געוועזען. ער האט דאך אבער פארט געמוזט דערצעהלען. האט ער אזוי געזאגט:

„איך בין בעשאפען געווארען דורך דעם מסור. די מעשה איז געוועזען אזוי. ער האט אמאהל געהאלטען ביי זיך א גויה פאר א דינסט. נישט ווייט פון איהם האט געוואהנט א יודישער יונגערמאן א סוחר'ל, וואס האט געהאלטען א שפייז געוועלבעל. דער מסור האט אלץ געשיקט קויפען ביי דעם אידישען סוחר'ל די גוי'שע דינסט. דער יונגערמאן האט זיך מיט די גוי'שע דינסט צופיעל בעקאנט, און ס'האט שוין געהאלטען דערביי, אז דער יונגערמאן זאל איינמאהל עפעס ביינאכט אריינקומען אין די קיך פון דעם מסור'ס וואהנונג, ווי די דינסט שלאפט, און ער זאל מיט איהר מזנה זיין. דער מסור איז פון דעם ביטאג גע-וואהר געווארען, צופעליג, דורך דעם וואס ער האט געפונען ביי זיך אין קיך

דאָס קוויטעלע, וואָס דער יונגערמאַן האָט געהאַט געשריבען צו דער דינסט. דער כביר האָט געוואָלט דעם יונגענמאַן מציל זיין פֿון די גרויסע עבירה. און פֿאַרשעהמען דעם יונגענמאַן האָט ער אויך נישט געוואָלט, איז ער אויף געוועזען ביז פֿאַרטאָג, און איז געשטאַנען ביי זיך אין הויז אין קאָרידאָר אויף די קעלט, און האָט אָבגעוואַרט ביז דער יונגערמאַן איז געקומען צו געהן שטילערהייט און האָט שוין געוואָלט אַריין געהן צו איהם אין קיך אַריין. איז דער מסור צו איהם צו געלאָפֿען האָט איהם אָנגעזידעלט און אַרויסגעוואָרפֿען. אָט דאָס בין איך."

דער בית דין שלמעלה האָט אָנגענומען דאָס מלאך'ל פֿאַר אַ מליץ טוב. און נאָך לאַנגע דעבאַטען, ויכוחים, איז געבליבען, מען זאָל די נשמה נישט פֿערניכטען אינגאַנצען, נאָר זי זאָל זיך אַזוי אַרומוואַלגערען פֿינף און צוואַנציג יאָהר צווישען די שדים ומזיקין, זיי זאָלען מיט איהר מאַכען וואָס זיי ווילען, און נאָך פֿינף און צוואַנציג יאָהר זאָל פֿון איהם ווערען אַ דיבוק, דהיינו אַז ער וועט האָבען עפּעס אַ שטיקעל טענה, אָדער עפּיס אַ שטיקעל אָנטשעפּעניש אין אַ אידיש קינד, זאָל ער מעגען זיך דערינען אַריינכאַפּען. אפֿשר וועט ער אַזוי נאָך אָנקומען צו עפּעס אַ צדיק, וואָס וועט וועלען איהם געבען אַ תיקון, אַז ער זאָל קאָנען אַריינקומען אין גיהנם אַריין אויף אַ געוויסע בעשטוממטע צייט, געלייטערט צו ווערען.

אין די שטאָדט סטאַשיוו ראַדאַמער גובערניע, נישט וויט פֿון די גרעניץ, האָט געוואָהנט אַ איד אַ בעל אכסניא. מיט'ן אידישען נאָמען האָט ער געהייסען בערקאָ. ער האָט געהאַלטען אין סטאַשיוו אַ האָטעל מיט נומערען. דאָרט פֿלעגען איינשטעהן בלויז אינטעליגענטנע מענשען. דער מסור־משומד מייעווסקי אַז ער איז געקומען קיין סטאַשיוו פֿלעגט ער אויך איינצושטעהן ביי בערקאָ'ן אין האָטעל. ווי געוועהנליך האָט ער זיך אָנגענומען שטענדיג אַליין אַ בעזונדערען נומער. דאַמאָלס איז נאָך דער בערקאָ געווען אַ יונגערמאַן פֿון עטליכע צוואַנציג יאָהר. און ווען די מעשה איז געשעהן מיט דעם דיבוק איז שוין בערקאָ אַלט געוועזען העכער זעכציג יאָהר. האָט דאַמאָלס בערקאָ אין די יונגע יאָהרען געמאַכט אַזאַ שטיקעל. דער מסור־משומד מייעווסקי איז איינגעשטאַנען ביי איהם אין אַ נומער פֿון האָטעל. בערקאָ האָט דערשנאַפּט אַז מייעווסקי האָט ביי זיך אַ טייסטער מיט שעהנע עטליכע הונדערט רובל, האָט זיך געמאַכט אַמאָהל ביינאַכט, וואָס מייעווסקי האָט זיך געלאָזט גוט וואָהלגעהן מיט גראָבע עבירות, און מען האָט דערביי נישט געזשאַלעוועט קיין גוט גלעזעל וויין. גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט איז מייעווסקי געבליבען אַליין אין נומער, מיעד ווי עשו נאָך די עבירות און נאָך אַזוי פֿיעל וויין טרינקען. בערקאָ האָט דאָס דערשנאַפּט, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט שטילערהייט צו דעם מסור־משומד, און האָט דאָרט געזוכט און טאַקי געפֿינען דעם טייסטער מיט'ן געלד. מילא ווי געוועהנליך, האָט זיך בערקאָ מורה היתר געוועזען: „אָב איהם אַ שוואַרץ יאָהר דעם מסור דעם בעל עבירה! סיי ווי איז דאָך דאָס בלויז גזילה געלד, איז דען נישט גלייכער דאָס געלד זאָל ביי מיר זיין!" און ער האָט טאַקי פּשוט צו גע'גנב'ט דאָס געלד, און

איז

איז זיך שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען ווען מייעווסקעלע מסור האָט גאַנץ שטאַרק געחראָפּעט.

אין דער פֿריה ווען מייעווסקעלע מסור איז אויפֿגעשטאַנען, האָט ער דערזעהן דעם חורבן. ער האָט גערעכענט נישט אַנדערש, נאָר אַז די דאָזיגע וואָס איז געוועזען ביי איהם די נאַכט אין נומער, האָט זי דאָס איהם בע׳גנב׳ט. מייעווסקי האָט אַריינגערופֿען בערקאָ׳ן און האָט איהם דערצעהלט פֿון די גנבה. דערביי האָט ער געבעטען בערקאָ׳ן, אפֿשר ווייס ער ווער די פֿאַרשווינטע איז, אפֿשר וועט מען קאָנען מיט פּאָליציי ביי איהר אָבנעמען די גנבה. אָבער בערקאָ האָט זיך אויסגעשמייכעלט און האָט איהם געענטפֿערט: „מיין ליעבער העֶרר! פֿון וואַנען זאָל איך קאָנען אַלעלכע לייט? נאָך דערצו אַז איך האָב זי גאָר נישט געזעהן. איהר ווייסט דאָך אַליין דעם אמת, אַז איך האָב זי גאָר נישט געזעהן. און ווייטער גלאַט אָנחאַפּען זיך אין אַזעלכע וואָס מען ווייס נישט זיכער, צו זי איז דאָס דאָ געוועזען, קאָן מען זיך דאָך אַריינלעגען אין אַ פּראָצעס אַריין. אַלזאָ מיין ליעבער העֶרר, לויט ווי איך פֿערשטעה איז קיין עצה נישט דאָ דערצו". מייעווסקי האָט אויך אַזוי צו געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און האָט געזאָגט: „מילא פֿערפֿאַלען. מען מוז זיך אָנווישען דאָס מויל און שווייגען. הייסט עס אַז די עבירות פֿון די היינטיגע נאַכט האָבען מיך געקאָסט אַ פֿינף הונדערט קערבלעך". בערקאָ האָט געבאָרגט מייעווסקי׳ן אַ פֿינף און צוואַנציגער, ער זאָל האָבען אויף די הוצאה. און די מעשה איז געוועזען פֿערפֿאַלען שטיל שעהן, ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין.

אַז מייעווסקילע מסור־משומד האָט געחאַפּט אויף יענע וועלט אַזאַ פּסק, זאָ ווי אויבען איז געשטאַנען. און ווען עס האָט זיך שוין אויסגעלאָזט די פֿונף און צוואַנציג יאָהר וועגדראָווקע צווישען די שדים ומזיקים. האָט ער שוין געהאַט רשות, ער זאָל ווערען אַ דיבוק, און זאָל דאָ אָנזיכען אויף די וועלט עמיצען, וואָס ער האָט צו איהם אַ צוטריט, ער זאָל קאָנען אין איהם זעלבסט אַריין, אָדער אין זיינם אַ קינד. די זינדיגע נשמה האָט זיך אָנגעהויבען אויף דער וועלט אַרום צו בלאָנקען, איבער שטעדט איבער דערפֿער. אפֿשר וועט זי עפּעס דערשנאַפּען אין וועמען זי קאָן זיך איינהילען, צוליעב דעם וואָס יענער האָט אַמאָהל קעגען איהר געזינדיגט מיט גזלה צו מיט גנבה. אָבער פֿעהל. פֿאַרקערט, זי האָט נאָר דערקאָנט אַזעלכע יודען, וואָס זי האָט זיי געטוהן שלעכטץ, אָבער נישט וואָס מען האָט איהר שלעכטץ געטוהן. די זינדיגע נשמה האָט אפילו געהאַט נאָך אַ ברירה, זאָל אַריין אָבער אין אַ פֿערד, אָבער אין אַ חזיר, אַבער אין אַ כלה, אָבער אין אַ קאַטץ. נאָר דאָס האָט די זינדיגע נשמה זיך בעהאַלטען, אויב זי וועט קיין אַנדערע ברירה נישט האָבען.

מייעווסקילע מסור־משומד האָט זיך דערמאַנט, אַז ער פֿלעגט דאָך אַמאָהל עפּעס אין שטאָדט סטאַשיוו אויך געשעפֿטלעך צו פֿיהרען, אפשר וועט ער עפּעס דאָרט עמיצען געפֿינען, וואָס ער זאָל אין איהם קאָנען זיך איינהילען. ער איז אַריבער קיין סטאַשיוו. דרעהט זיך אַהין, דרעהט זיך אַהער, ס׳איז נישט דאָ אין וועמענען זיך אָנצוחאַפּען. מיט אַמאָהל דערזעהט ער, אַז עס פֿליהט צו,

צו איהם נאָהנט עפּעס אַ שד צו אַ מזיק און שמייכעלט צו איהם, זאָגענדיג: „אַה! וואָס מאַכסטו דו עפּעס פעטער מייעווסקי! וואָס טוסטו דו עפּעס דאָ? ווי האָלסטו דו, ווי דערגעהט עס דיר עפּעס נאָכ׳ן טוידט" ? מייעווסקילע קוקט איהם אָהן און פרעגט איהם צוריק: „אָבער ווער ביזטו דו עפּעס וואָס דו שרייעסט אויף מיר פעטער" ? ענטפערט איהם דער טייוועל: „יאָ ביזט גירעכט פעטער־לעב, אַז דו ווייסט נישט וועל איך דיר מאַקי דערצעהלען. מיין פאָטער איז בערקאָ דער האָטעלניק, און דו ביזט איבער דעם מיין פעטער, וואָרען ווען נישט דו, וואָלט בערקאָ נישט געוועזען מיין פאָטער, און איך וואָלט גאָר נישט בעשאַפען געוואָרען. די מעשה איז אַזוי. גידענקסט פעטער־לעב! ווען מען האָט אַמאָהל ביי דיר אַרויסגע׳גנב׳ט אַ טייסטער מיט פונף הונדערט רובעל? אָט דאָס שטיקעל האָט דיר דאַמאָלס דער בערקאָ אַליין געמאַכט, ער זעלבסט איז דאָס געוועזען דער גנב, און פון עבירה בין איך בעשאַפען געוואָרען. אַצונד דאַרפסטו דו שוין פערשטעהן, פאַר וואָס בערקאָ דער האָטעלניק איז מיין פאָטער, און פאַר וואָס דו ביזט מיין פעטער".

מייעווסקילע מכּוֹר משומד האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, און האָט אַ געשריי געטהון: „הע! וואָס איך הער! האָט בערקאָלע דער האָטעלניק אַליין ביי מיר אַרויס געגנב׳ט דעם טייסטער געלד, האָב איך דאָך שוין יאָ פאָרט עפּעס נעפונען עמיצען, וואָס האָט מיר אַזאַ גרויסע עולה געטהון, אויב אַזוי קאָן איך דאָך זיך אין איהם גאַנץ גוט אַצונד איינהילען".

זאָגט ווייטער דער טייוועל צו מייעווסקילע: „אויב דו האָסט בעקומען רשות זאָלסט דיך אין אַזאַ שטייגער קאָנען איינהילען, לוינט נישט פאַר דיר אין איהם זעלבסט זיך איינצוהילען. וואָרען ער איז דאָך שוין אַ יוד פון עטליכע זעכציג יאָהר, ווי לאַנג מיינסטו דו וועט ער דען נאָך דאָ אַזוי אָנטרייבען. נאָך אין עטליכע יאָהר אַרום וועל איך מיט נאָך גענוג אַזעלכע חברה־לייט ווי איך בין, שוין זיך דאַרפען איינצוהילען אין זיין נשמה׳לע. ווי וועסטו דו פעטער־לעב דאַמאָלס בלייבען. נאָר ווייסטו דו וואָס, איך וועל דיר יאָ אַ גוטע עצה געבען. בערקאָ פערמאָגט נאָך אַ מזיקעל אַ בן זקונים׳ל, אַ חדר־יונגעל פון אַ יאָהר צעהן. אָט דאָס וועט זיין פאַר דיר פעטער־לעב די בעסטע סחורה. אָבער דו דאַרפסט וויסען, אַז אַזאַ חדר־יונגעל דאַרפסטו דו פאַקען ביי עפּיס, זאָלסט קאָנען האָבען אַ צוטריט צו איהם, וואָרען גלאַט אַזוי אָהן אַ שום זאַטשעפּקע, קאָנסטו דו צו צוטריט נישט האָבען".

זאָגט מייעווסקילע: „מילא אויב אַזוי איז פערפאַלען, וועל ... ען נאָר דאָס בן זקונים׳ל זיינס נאָך קריכען שטענדיג, ביז איך וועל איהם ביי עפּעס פאַקען, דאַמאָלס וועל איך מיך אין איהם אַריינכאַפּען, וועל איך חאָדוש וויסען פון אַ שטיקעל מנוחה. וואָרען אַזוי איז דאָך גאָר נישט אויסצוהאַלטען די צרות וואָס איך שטעה אויס פון מיינע אייגענע מלאכי חבלה, שדים ומזיקים, וועלכע זענען דורך מיינע מעשים רעים בעשאַפען געוואָרען".

בערקאָ׳ס בן זקונים׳ל האָט געהייסען זעליגל. ער איז אפילו נישט געוועזען קיין שלעכט חדר־יונגעל, ער האָט זיך גאַנץ גוט געלערענט, נאָר פאַר דאָס איז

ער

ער גיוועזען אַ צו גרויסער מיוחס בײַ זיך, בעוויַיל זיין פֿאָטער און מוטער האָבען
איהם שטאַרק ליעב געהאַט, טאַקי ווי אַ מוזיקעל, זיי האָבען איהם אַלץ נאָכ-
גיגעבען דאַדורך איז ער גיוועזען אַ גרויסער יחסן בײַ זיך, ער וואָלט חאָדוש
געוואָלט אַז אַלע זיינע חברים זאָלען פֿאַר איהם דרך ארץ האָבען, און אפילו גאָר
דער רבי זיינער אויך. האָט איהם אַמאָהל עפּעס אַ יונגעל זאַטשעפּעט, איז גיוועזען
סכּנת נפשות, ער האָט זיך נאָר געזיבט אין איהם נוקם ונוטר צו זיין אַ
לאַנגע צייט.

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז זעליגל מיט זיינע חברים זענען אַהיים גע-
גאַנגען פֿון חדר, האָט איהם איינער פֿון זיינע חברים אויפ׳ן וועג עפּעס זאַ-
טשעפּעט, ווי דער שטייגער איז פֿון חדר-יונגלעך, ווען זיי לויפֿען אַהיים פֿון חדר.
זעליגל איז געוואָרען זעהר שטאַרק בייז אויף דעם חבר און האָט איהם געוואָלט
גוט אָנלערנען דערפֿאַר. דאָס יונגעל וואָס האָט איהם זאַטשעפּעט האָט געטראָגען
אונטערען אָרים אַ נאַיי סידור׳ל, אַ שעהן סידור׳ל. זעליגל, האָט סאַיי ווי געהאַט
גרויס קנאה אויף יענעם יונגעל, וואָס האָט בעקומען אַ שענער סידור׳ל ווי ער
האָט געהאַט. אַצונד האָט ער דאָס אויסגענוצט, און וויַיל יענער האָט איהם זאַ-
טשעפּעט, איז ער פלוצלונג צוגעלאָפֿען צו יענעם יונגעל, האָט בײַ יענעם אַ חאַפּ
אַרויס געטהון דאָס שעהנע סידור׳ל. פּונקט ווי די מחלוקה איז אַרויסגעקומען,
איז דאָרט גיוועזען באַלד דערנעבען אַ רינשטאָק מיט אומרייניע בלאָטע. האָט
זעליגל דאָס שעהנע סידור׳ל אַרײַנגעוואָרפֿען אין דעם רינשטאָק אַריין, און איידער
ער האָט עס אַרייַנגעוואָרפֿען, האָט ער עס נאָך אויפֿגיעפֿענט, כּדי די בלעטליך
זאָלען אויך ווערען אייַנגערעכט, אַזוי אַז ס׳זאָל שוין צו גאָר נישט ניטצען. דאָס
יונגעל וויַיטער פֿון סידור׳ל, אַז ער האָט דערזעהן דעם חורבן, וואָס זעליגל
האָט איהם געמאַכט מיט׳ן סידור׳ל, איז ער געוואָרען שטאַרק בייז, איז ער צו
געלאָפֿען צו זעליגלען און האָט איהם מיט׳ן גאַנצען כּח אַ שטויס געטהון.
זעליגל האָט אַ פֿאַל אַנידער געטהון אויף די ערד און איז געבליבען ליגען פֿאַר-
חלש׳ט. ס׳איז באַלד געוואָ־ען אַ געוואַלד אַ געשריי, מענשען זענען געקומען צו
צולויפֿען און האָבען זעליגלען קוים דערמינטערט. אָבער זעליגל האָט שוין נישט
געקאָנט מער ריידען און האָט שוין נישט געקאָנט אַליין אַהיים געהן ער איז גאָר
אינגאַנצען נשתנה צורה געוואָרען און מען האָט איהם געמוזט צו בערקאָ אין
שטיב אַריין אַהיים טראָגען אויף די הענד.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלען, וואָס בײַ בערקאָ אין שטיב האָט זיך געטהון,
ווען מען האָט זעליגלען אַריינגעבּרענגט צו טראָגען אויף די הענד. די מוטער האָט
זיך נעבעך געהאַקט אין קאָפּ אַריין: „געוואַלד! וועלכער מערדער האָט מיין
זעליגלען ערמאָרדערט"! בערקאָ אַליין האָט אויך געמאַכט יעלות מיט יללות.
וואָרען וועמען האָט דען דאָס געקאָנט איינפֿאַלען, אַז זעליגל׳ס פֿאַלען מיט׳ן
חלש׳ן איז גאָר דורך דעם, וואָס דאַמאָלס האָט זיך אין איהם מדבּק גיוועזען דער
דיבּוק מײַעויסקילע מסור-משומד, צוליעב דעם אומרעכט וואָס זעליגל האָט געטהון
מיט׳ן אַרייַנוואַרפֿען אַ סידור׳ל אין אַזאַ אומרייניעם רינשטאָק אַריין. דאָס איז
גיוועזען פֿאַר מײַעווסקילע גאַנץ גענוג, ער זאָל קאָנען שוין האָבען אַ צוטריט צו

זעליגלען

זעליגלען און איינהילען זיך אין איהם גאנץ גוט. אלס נקמה וואס זיין פאטער בערקא האט אמאהל ביי איהם ארויס גע׳גנב׳ט א טייסטער מיט פונף הונדערט רובל. פון דיעזען פערבאָרגענעם סוד איז קיינער נישט אומשטאנד געוועזען צו וויסען. אלזא האבען אלע דאס אנגענומען פאר א פלוצלונגע קראנקהייט, וואס ער האט בעקומען דורך דעם פאל.

ווי געוועהנליך וואס טוט מען ביי אזא מעשה. קודם כל שיקט מען דאך נאך א דאקטאר. מען איז געלאפען נאך א דאקטאר פון אלע זייטען. הכלל ס׳איז אנגעקומען דער סטאשעווער שטאדטס דאקטאר און אויך א וואיענגע דאקטאר. ביידע מבינים האבען זעליגלען גוט בעטראכט, און זיי האבען אויך אזוי בעשטומט אז דאס יונגעל האט געקריגען דורכ׳ן פאל א געהירען צורידערונג. זיי האבען פערשריבען א ריצעפט און געהייסען צולעגען א בלאז אייז צום קאפ.

אויפ׳ן צווייטען טאג איז זעליגל שוין גיקרעפטיגט געווארען, און האט זיך אנגעהויבען שוין אליין אויפצוזעצען אין בעט. אממיינסטענס איז די מוטער געזעסען נעבען בעט, וואס זי האט איהם געפרעגט, האט ער איהר גאר נישט געענטפערט. געמען און מויל אריין האט ער נישט געוואלט. נאר דאס איז געוועזען דאס ערשטע וואס זעליגל האט בעוויזען: די מוטער האט געוואלט ארויסקריגען פון איהם עפעס א ווארט האט זי איהם דערלאנגט אביסעל טעה און האט איהם אנגעהויבען צו בעטען, ער זאל מאכען א „שהכל” און טרינקען אביסעל טעה. ווי ער האט נאר דערהערט דאס ווארט „שהכל” האט ער א שפיי אויס געטהון און מיט די פויסט אויסגעהאקט דאס גלאז טעה פון די מוטער מיט גרויס כעס. מילא וועטען האט דען געזאלט איינפאלען עפעס גאר אויסטערליש, מסתם האט מען גירעכענט אז ער איז צורידערט פון די קראנקהייט. באלד אבער דערנאך איז דער פאטער בערקא צוגעגאנגען צום בעט, זעהן וואס זיין מוזיקעל מאכט. אזוי ווי נאר ער איז צוגעקומען צום בעט, האט ער דערהערט עפעס אן אומגעוועהנליך קול האט זיך ארויסגעריסען פון זעליגל׳ס מויל: „אה! יאקשע מאש, פאניע בערקא”! און מער האט ער שוין נישט גירעדט.

בערקא איז געווארען זעהר איבערגעשראקען פון דעם אויסגעשריי. די מוטער איז אויך געקומען צו צולויפען. זיי האבען איהם אנגעהויבען צו בעטען, ער זאל עפעס נעמען אין מויל אריין. אבער פעהל. בערקא האט איהם אנגעהויבען צו בעטען: „זעליגל קרוין! איך וועל דיר געבען מיין שעהן סידור׳ל ווען דו וועסט זאגען קריאת שמע. און בערקא האט טאקי באלד איהם דערלאנגט זיין שעהן סידור׳ל, און האט איהם אויפגעמישט קריאת שמע. זעליגל האט א חאפ ארויסגעטהון דאס סידור׳ל פון פאטערס האנד, האט עס צוריסען אויף פיצלעך און האט עס א שלײַדער אוועק געטהון מיט גרויס כעס. ביי דעם איז ווידער געהערט געווארען אזא ווילדער אויסגעשריי: „פשאקרעוו ושידושע! יא מיעווסקי”!.

באלד נאך דעם האט זיך זעליגל אויף גיזעצט אין בעט, האט אנידער געקניהט און האט זיך אנגעהויבען צו צלמ׳ן.

בערקא מיטין ווייב איז פינסטער געווארען פאר די אויגען, אז זיי האבען דאס דערזעהן. זיי ביידע האבען אנגענומען זעליגלען אונטער די ארעמס

און

און האָבען איהם געוואָלט לעהגען אויפ'ן בעט. ער איז אָבער שטאַרקער געוועזען פֿאַר זײ בײדע און האָט זיך נישט געלאָזט, נאָר ער איז אַזױ אָבגעזעסען אַ שעה צײט קניהענדיג און האָט זיך נאָר גע'צלמ'ט. דערנאָך האָט ער זיך אַלײן צוריק געלעגט אין בעט אַרײן. פֿאַרנאַכט האָט מען געפֿריבט איהם צו געבען עטליכע פֿלוימען האָט ער זײ גענומען און האָט זיך ווידער אויפֿגעזעצט. באַלד האָט ער אָנגעהויבען צו קניהען און צו צלמ'ן זיך אַ לאַנגע װײַלע, דערנאָך האָט ער אויסגעזאָגט עטליכע פֿלוימען און האָט אוים געשפּיגען. דאָס איז געוועזען זײַן עסען אויף עטליכע טעג. קײן דאָקטוירים האָט מען שוין צו איהם נישט גערופֿען, װאָרען יעדער האָט געזעהן אַז ס'האָט זיך אין זעליגלען מדבק געוועזען עפּעס אַ רוח רעה. אָבער װער האָט דאָרט געזאָלט געדענקען פֿון אַ מײַעװסקי, ס'איז שוין געוועזען באַלד אַ יאָהר דרײַסיג נאָך זײַן טויט.

אין עטליכע טאָג אַרום האָט בערקאָ געדאַרפֿט צו דאַװנען אין דער הײם, האָט ער געדאַװענט אין דער שטיב װי זעליגל איז געלעגען. אַזױ װי נאָר זעליגל האָט דערזעהן װי דער פֿאָטער נעמט אַרוים די תפילין, איז ער אַ שפּרינג אַראָב געטהון פֿון בעט, געכאַפּט די תפילין און האָט זײ געגעבען אַװאָרף אַרוים דורכ'ן פֿענסטער און האָט אויסגעהאַקט דערבײַ אַ שאָהב. נאָך דעם באַלד איז װידער געהערט געוואָרען פֿון זײַן מויל אַזאַ װילדען אויסגעשרײַ: „בערקאָ! זנאַש מניע? יאַ מײַעװסקי! אָדדײַ פשאַקרעװ מאָיע פּיניאָנדזע”. דאָס הײסט: בערקאָ! קאָנסט מיך? איך בין מײַעװסקי! גיב אָב הינדסיאָך מײַן געלד! דאַן האָט זיך בערקאָ דערמאַנט פֿון מײַעװסקילע מסור-משומד, װאָס ער האָט געהאַט אַמאָהל בײַ איהם צו גע'גנב'ט אַ טײַסטער מיט פֿונף הינדערט רובל. איהם האָט באַלד דאָס האַרץ אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון: װער װײַסט צו דער דיבוק איז נישט טאַקי דער זעלבער מײַעװסקי מסור-משומד.

אַ טאָג שפּעטער װײַטער, איז זעליגל אַראָב געשפּרינגען פֿון בעט און האָט אַראָבגעריסען די מזוזות פֿון די טהירען. ער האָט זײ צוריסען און צוטרעטען מיט די פֿים. בײַ די קאַטאַסטראָפֿע האָט ער װידער דעם פֿאָטער געגעבען אַזאַ „ברוך-הבא” און האָט איהם מודיע געוועזען אויף פּויליש, אַז ער איז מײַעװסקי, און האָט איהם געמאָהנט דעם טײַסטער געלד, װאָס ער האָט בײַ איהם פֿאַר דרײַסיג יאָהר צוריק צו גע'גנב'ט. בקיצור די זאַך האָט זיך געשטעלט אויף אַזאַ דרך. מען האָט זיך ערקונדיגט, אַז דער דיבוק איז דאָס טאַקי דער מײַעװסקילע מסור-משומד. קײן יודיש װאָרט איז קײנמאָהל שוין פֿון זעליגלס מויל נישט געהערט געוואָרען. קײן שום יודישע זאַך האָט זיך נישט געטאָרט געפֿונען אין דער שטיב װי ער איז געלעגען. אַלע טאָג האָט ער אויף עטליכע שעה זיך אַנידער געזעצט קניהען און צלמ'ן זיך. און אפילו װען ער איז געלעגען אין בעט. האָט ער אויך געמאַכט מיט די הענד אַלץ אין אײנעם שתי ערב פֿערלעגט אַזױ צלמ'דיג אײן פֿינגער אויפֿ'ן אַנדערען. טרינקען האָט ער גאָר נישט געוואָלט. נאָר עסען עטװאָס אײנמאָהל אין דרײַ טעג האָט ער יאָ גע-װאָלט. אָבער דאָס עסען איז נישט געוועזען ער זאָל עפּעס צוקײַען און אַראָב-שלינגען, מענשליך. נאָר װאָס ער האָט אויסגעזאָגט עטליכע פֿלוימען אָדער

אַנאַנדערע

אַנאַנדערע פרי און האָט אויסגעשפּיגען. און אַיידער ער האָט דאָס יאָ גענומען אין מויל האָט ער פריהער ווי לאַנג געקניהט און גע'צלמ'ט זיך. קיינער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן פון וואָס ער האָט די חיונה און פון וואָס ער איז אַזוי שטאַרק; וואָרען טאָמער איז עמיצער צו געקומען צו איהם מיט אַ ספר, אָדער אַ ציצה, אָדער עפּעס אַנאַנדערע יודישע זאַך, האָט ער געדורס'ט, געהאַקט און געבראַקט. און אפילו עטליכע מענשען צו זאַממען האָבען אויך איהם נישט געקאָנט איינהאַלטען פון דער רציחה וואָס ער פלעגט בעוויזען קענען אַ יודישע זאַך. שרייענדיג דער ביי: „פשאַקרעוו יאַ מייעווסקי"!

מען האָט געמאַכט אַ פּריוו, און מען האָט אויפגעהאָנגען אַ פּאָאַר תפילין אויפ'ן פּאָלאָפּ אין דערהויך, דאָרט אין דער שטיב ווי זעליגל איז געלעגען און געשלאָפען. אָבער אַזוי ווי נאָר ער איז אויפגעקומען האָט ער דאָס באַלד דער־שפּירט. איז ער אַראָב געשפּרינגען פון בעט און האָט אַזאַ הויכען שפּרינג געטהון אין דער הויך, ביז ער האָט געקאָנט אָנכאַפּען די תפילין און האָט זיי אַ שלייַדער אַרוים געטהון דורכ'ן פענסטער.

מען האָט נאָך געמאַכט אַ פּריוו. ווען ער איז געזעסען אויף אַ שטיהל איז איינער צוגעגאַנגען פון הינטען און האָט איהם אָנגעריהרט מיט אַ ציצה אויף די פּלייצעס, איז ער אין די רגע אויפגעשפּרינגען פון אָרט מיט זעהר אַגרויסע רציחה און מיט זעהר אַ ווילדען אויסגעשריי: „פשאַקרעוו זשידזשע יאַ מייעווסקי"!
די זעלבע פּראָבע האָט מען אָנגעהויבען ביי איהם צו מאַכען פון הינטען מיט אַ סידור'ל אָדער אַנאַנדער ספר'ל, און אַמאָהל מיט אַ מזוזה. און ער האָט דאָס אַלץ דערשפּיהרט אין דער רגע, און עס איז געוועזען סכנת נפשות דער כעס מיט דעם אויסגעשריי „יאַ מייעווסקי"!

ס'איז אַזוי פערביי געגאַנגען עטליכע וואָכען, און ס'איז גוט בעוואוסט געוואָרען, אַז דער מייעווסקי'דע מסור־משומד וואָס איז מיט דרייסיג יאָהר צוריק גע'פגר'ט, איז געוואָרען אַ דיבוק און איז אַריין אין בערקאָ סטאַשיוועס אַ יונגעל, בשעת דאָס יונגעל האָט אַריינגעוואָרפען אַ סידור'ל אין אַ רינשטאָק אַריין און דאָס איז אויך אַלם נקמה פאַר דעם, וואָס בערקאָ האָט אַמאָהל אַ גרויסע עולה געטהון קענען מייעווסקי אין געלד זאַכען. און אַז מען האָט זיך שוין געהאַט גוט ערקונדיגט, אַז דאָס איז נישט קיין קראַנקהייט נאָר אַ דיבוק, האָבען מענשען גיגעבען עצות מען זאָל מיט דעם דיבוק אָנהייבען אַרום צו פאָהרען צו גוטע יודען.

דאָס ערשטע איז מען געוועזען מיט דעם דיבוק אין בעלז. דאָרט האָט בערקאָ באַלאַמוטשעט עטליכע וואָכען מיט גאָר נישט. וואָרען אַזוי ווי דער משמש פון רבי'ן איז צוגעקומען צו איהם אין דרויסען אויספרעגען, בערקאָ זאָל איהם דערצעהלען פין אָנהויב אָהן ווי אַזוי ס'איז צוגעגאַנגען מיט דעם דיבוק, וואָרען דאָס אַלץ האָט דער משמש גיַדאַרפט איבער געבען דערנאָך דעם רבי'ן זעלבסט, און צו בעקומען פון איהם אַ תשובה צו ער וועט קאָנען העלפען צו נישט. אַזוי אויך האָט דער משמש געדאַרפט דערנאָך צו צוגעהן, האַלטענדיג דעם רבינ'ס שטעקען אין דער האַנד, און אוים צו פרעגען דעם דיבוק זעלבסט עטליכע

פראַגעס

פראגעס. אבער נאר אזוי ווי זעליגל האט דערזעהן אז דער משמש געהט צו צו איהם מיט'ן רבי'נס שטעקען, האט ער א שפרינג געטהון עטליכע עהלען הויך און האט אנגעהויבען צו אנטלויפען און צו זידלען צו חאפען שטיינער און בלאטע, וואס נאר ער האט בעקומען אין האנד אריין, און האט מיט די זאכען בעווארפען דעם פאטער מיט'ן משמש. מענשען האבען קוים איהם געחאפט און צוריק אריינגעפיהרט אין הויף פון רבי'נס קלויז. אזוי איז גיוועזען עטליכע מאהל. און אז דער משמש האט דאס אלץ דערצעהלט דעם רבי'ן, האט דער רבי געהייסען מען זאל מיט איהם אוועק פאהרען, ווייל דער כח הטומאה איז נאך ביי איהם צו שטארק, איז שווער אזא מחוצפ'דיגען דיבוק עפעס צו העלפען.

אוועק פאהרענדיג פון בעלז, האבען מענשען גינעבען אן עצה בערקא'ן, ער זאל פאהרען מיט דעם דיבוק צום טורינסקער מגיד. בערקא האט געפאלגט און האט אנגעהויבען צו ציהען מיט זעליגלען קיין טוריסק. אויפ'ן וועג האט זיך געמאכט אזא מעשה. זיי זענען אדורכגעפאהרען אין א גרויס דארף, ווי דארט איז געשטאנען א קלויסטער. אין דעם זעלבען דארף איז גיוועזען א קרעטשמע און ס'איז אויסגעקומען בערקא'ן צו נעכטיגען אין דער קרעטשמע. אויפ'ן גאנצען וועג וואס בערקא איז געפאהרען מיטין דיבוק, איז אזוי געגאנגען. ווי דער דיבוק האט נאר דערזעהן עפעס א צלם אבער א קלויסטער, האט ער זיך פחאפ אויף געטהון זעהר געשווינד, און איז שוין געזעסען אויף די קניה און גע'צלמ'ט זיך. און אז זיי זענען פערביי געפאהרען א שטיקעל ווייטער, האט ער זיך צוריק געלעגט און האט געמאכט אלץ אין איינעם שתי וערב'ם מיט די פינגער, פערלעגענדיג איינעם אויפ'ן צווייטען. דאס זעלבע איז גיוועזען ווען בערקא איז אריינגע'פאהרען אין דעם דארף פערביי פאר'ן קלויסטער. דער דיבוק האט געקניהט און געצלמ'ט זיך ביז זיי זענען פארפאהרען פאר די קרעטשמע און האבען זיך דארט אבגעשטעלט.

דער קרעטשמער איז גיוועזען א יוד. מילא ווי גיוועהנליך איז דאך גיוועזען ביי אלע טהירען מזוזות. אז בערקא האט זעליגלען אריינגענומען אין קרעטשמע, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אריינגעהן אין קרעטשמע, צוליעב דעם וואס איז גיוועזען ביי די טהיר א מזוזה. ער האט אנגעהויבען צו שפרינגען און האט געוואלט די מזוזה אראבצרייסען. דער פאטער האט זיך מיט איהם גערימען, און דער קרעטשמער איז אויך געקומען צו צולויפען און זיי האבען איהם נישט צוגעלאזט אב צורייסען די מזוזה. אבער פאר דאס האט זעליגל בשום אופן נישט געלאזט זיך אריינשלעפען אין קרעטשמע אריין. דער קרעטשמער זעלבסט האט אויך שוין אנגעהויבען צו שרייען, אז ער איז מוחל אזעלבע געסט. הכלל בערקא האט געמוזט שלאפען ביי נאכט אין דרויסען אויף די פיהר מיט זעליגלען.

ביי נאכט איז זעליגל אראב געשפרינגען פון די פיהר און איז בעלם געווארען אין דעם פינסטערניש. בערקא האט געמאכט א געשריי א געוואלד, מען האט איהם ארומגעזיכט פון אלע זייטען, און מען האט אפילו קיין שום שליאד פון איהם זיך נישט געקאנט דערוויסען. קוים הערשט אויפ'ן דריטען טאג, דאס איז גיוועזען אין זונטאג, איז דער קלויסטער פון דעם דארף גיעפענט געווארען.

און

אין פֿיעל קאטוילען זענען אנגעקומען אין קלויסטער אריין, האבען זיי געפֿונען דעם דיבוק דארט ערגעץ אין א זייט, זיצענדיג אויף די קניה און האט זיך נאר גע'צלמ'ט, און אזוי ווי ס'איז שוין גיווען בעוואוסט אז אזא יונגעל איז פֿערלוירען געווארען, האט מען איהם אבגעפֿיהרט צוריק צום פֿאטער אין קרעטשמע אריין.

נאך צוויי חדשים מיה און מאטער, מיט א גאנצען בארג אומבעשרייבענדע צרות, האט זיך קוים בערקא דערשלעפּט קיין טוריסק מיט דעם דיבוק. ביים טוריסקער מגיד זכר צדיק לברכה איז גיוועזען איינגעפֿיהרט אז עס איז צו איהם געקומען א דיבוק האט ער געפֿלעגט הייסען מען זאל דעם דיבוק אריינפֿיהרען אלע מאהל אין זיין בית המדרש אריין אויף עטליכע שעה. דהיינו ווען ער האט גע-דאווינט שחרית. טייל דיבוקים האט ער געהייסען נאר אריינלאזען אין זיין בית המדרש אריין, ווען ער האט געדאווינט פֿרייטאג מנחה פֿאר קבלת שבת. און טייל דיבוקים האט ער געהייסען אריינלאזען פֿרייטאג צו נאכט צום קידוש. און נאך עטליכע וואכען פֿלעגט הערשט דער טוריסקער מגיד זיך נעמען צו דעם דיבוק און בעטען איהם מיט גוטען ער זאל ארויס געהן אהן שום שאדען. ער פֿלעגט צו זאגען די דיבוקים אז ער וועט לערנען פֿאר זיין תיקון וועגען א צייט דערנאך, לויט ווי דער מגיד האט פֿערשטאנען. טייל האט ער צוגעזאגט צו לערנען פֿאר זיין תיקון וועגען אלע טאג א פרק משניות. טייל האט ער צוגעזאגט צו זאגען פֿאר זיין תיקון וועגען אלע טאג עטליכע קאפּיטלאך תהלים. ס'האט זיך אמאהל געטראפֿען אויך א דיבוק וואס ער האט אנדערש נישט געוואלט ארויסגעהן, ביז דער מגיד האט איהם צוגעזאגט צו לערנען פֿאר זיין תיקון וועגען אלע טאג א שטיקעל זוהר. אויף אזעלכע דיבוקים פֿלעגט דער מגיד צו זאגען מיט א שמייכעל: „א וואו! א וואו! זעהט נאר מיינע גרויסע יחסנים ווי זיי ביטען זיך ביי מיר אוים"!

אז בערקא איז אנגעקומען קיין טוריסק מיט זיין זעליגלען, האבען מענשען צו איהם געזאגט ער זאל קודם אליין אריינגעהן צום רבי'ן, אבגעבען א קוויטעל. בערקא האט אזוי געטהון. האט דער מגיד איהם גיענטפֿערט באלד די ווערטער: „גו מיין ליבער יוד. איך בין מסופק אויב איך וועל קאנען איהם עפּעס העלפֿען בעווייל ער איז זעהר א מחוצפ'דיגער רשע און ער איז א שורש פֿון זעהר פֿיעל אבי אבות הטומאות. אלוא זאל מען פרובען ביסלעכווייז אב צו שוואכען זיינע כוחות הטומאות. זאל מען איהם נאך נישט אריינפֿיהרען אין בית המדרש אריין צום דאווינען נאר מען זאל פרובען איהם אלע טאג אנידער צו שטעלען נעבען א פֿענסטער פֿון בית המדרש, ווי מען קאן הערען פֿון דרויסען דאס דאווינען און קדושה וברכו. דערנאך וועט מען עס שוין קאנען אריינפֿיהרען אביסעל אין בית המדרש אריין צום דאווינען".

ווען בערקא איז צוריק געקומען פֿון טוריסקער מגיד צו זעליגלען האט ער געהאט אזא ברוך-הבא. זעליגל איז אויף איהם ארויפֿגעשפּרינגען, האט איהם אויסגעריסען א האלבע בארד און האט זיך געלאזט הערען מיט זעהר א גראב און משונה'דיג קול מיט גרויסע זידלערייען אויף פּויליש: „צו ווייסט דו דאס נאך נישט אז איך

בין

...ית אגודת חסידי חב"ד
אהל יוסף יצחק
ליובאוויטש

מזוזה נישט געווען, און ווי מען האט נישט געהערט קיין יודיש קול, נישט פון לערנען און נישט פון דאווינען. אויך האט ער געדינגען צוויי געזונדטע מענשען זאלען זעליגלען היטען און זאלען איהם זיין בעהילפיג ביים אריינטראגען דעם דיבוק צום גריידיצער צדיק.

פריהער איז בערקא אליין אריינגעגאנגען צום גריידיצער צדיק מיט א קוויטעל און האט אלץ דערצעהלט פון אל"ף ביז תי"ו. דער גריידיצער רב האט איהם גיענטפערט, ווי זיין שטייגער איז גיוועזען שטענדיג, און האט צו איהם אזוי געזאגט: „נו אדרבא איך פרעג אייך אליין, אז איהר זענט שוין גיוועזען ביי אזעלכע גרויסע צדיקים, און זיי האבען אייך נישט געקאנט העלפען, זענט איהר געקומען צו מיר, ווי קום איך דען צו אזעלכע גרויסע צדיקים, ווי אזוי קאן דאס איינפאלען, אז די גרויסע צדיקים האבען נישט געקאנט העלפען, זאל איך קאנען דא עפעס העלפען".

בערקא איז זעהר אראבגעפאלען ביי זיך פון דעם קאלט-בלוטיגען ענטפער, וואס ער האט בעקומען פון גריידיצער רב. מיט טרערען אין די אויגען און מיט א וויינענדיגע שטוממע האט ער זיך געשטארקט און האט געזאגט צום גריידיצער רב: „הייליגער צדיק! אבער דער טוריסקער מגיד האט דאך מיר אליין געזאגט אז איך זאל פאהרען צו אייך. און ער האט נאך צו מיר געזאגט אזא ברכה. אז פנחס זה אליהו, און אזוי ווי פנחס האט געהאט א כח מכניע צו זיין בלעם הרשע אזוי זאלט איהר האבען א כח מכניע צו זיין דעם שטארקען דיבוק. אזוי ווי דער גריידיצער רב האט דאס דערהערט, האט ער זיך פערווינדערט, און האט עטליכע מאהל איבער געחזר'ט די ווערטער פון טוריסקער מגיד. דערנאך האט דער גריידיצער רב צו בערקא'ן געזאגט: „נו אויב אזוי, בין איך מצטרף צו מיר דעם זכות מיט דעם כח פון טוריסקער מגיד, און מארגען אם ירצה השם נאכ'ן דאווינען וועל איך זעטצען א בית דין און מען וועט זיך נעמען צו דעם דיבוק גאנץ שטארק. נעמט אייך צו הילף פיער געזונדטע און שטארקע מענשען, און זיי זאלען איהם מיט געוואלד דא אריינברענגען צו מיר מארגען אין דער פריה באלד נאכ'ן דאווינען".

אזוי ווי בערקא איז נאר צוריק געקומען פון גריידיצער רב אין שטיב אריין ווי זעליגעל איז גיוועזען, האט זיך דער דיבוק געוואלט ווארפען אויף בערקא'ן, און א גראב משוגע'דיג קול האט זיך געלאזט הערען פון זעליגל'ס מויל מיט גראבע מיאוסע זלזולים אויף בערקא'ן. און דער עיקר האט ער נאר געשריגען, בערקא זאל איהם זאגען, ווי ער איז גיוועזען, און אז בערקא זאל באלד פון שטיב ארויסגעהן, ווארען ער קאן נישט פארנעמען די שטוקענדע לופט, וואס ער האט דא עפעס מיט זיך אריינגעברענגט. דער דיבוק האט אזוי לאנג געשריגען און געמיטשעט זעליגלען, ביז בערקא האט אויף זעליגלען רחמנות בעקומען און איז פון שטיב ארויסגעגאנגען, און זעליגעל איז איבער די גאנצע צייט פעסט צו געהאלטען געווארען פון די צוויי שטארקע שומרים, וועלכע האבען איהם גענויט אין בעט צו ליעגען.

צומארגענס

צוזאַמענגענומען אין דער פֿריה האָט בערקאָ גענומען צו נאָך פֿיער שטאַרקע מענשען, זיי האָבען זעליגלען געבינדען און האָבען איהם אַריינגעבראַכט צום גריידיצער רב, דאָרט האָט זיך הערשט דער דיבוק געלאָזט הערען אויפ'ן הויכען קול, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך געקומען צולויפֿען אויף די אויסגעשרייען וואָס זענען גיהערט געוואָרען פֿון דיבוק. אַזוי ווי נאָר דער גריידיצער רב האָט אָנגעהויבען זאָגען אַ פּרק תהלים מיט זיינע כוונות האָט דער דיבוק אָנגעהויבען צו ביללען ווי אַ הינד, אַז אַלע מענשען האָבען זיך דערשראָקען. בערקאָ האָט געהייסען מאַכען די פּראָבעס מען זאָל איהם פֿון הינטען אָנריהרען מיט אַ ציצה אָדער מיט אַ יודיש ספר, האָט דער דיבוק באַלד דערשפּירט און האָט אָנגעהויבען צו ביללען און צו קוויטשען און אַרויס צו רייסען זיך אַזוי שטאַרק, אַז די אַלע זעקס מענשען איז שווער געווען איהם צו דערהאַלטען. דער גריידיצער רב האָט דאָס אַלץ צו געזעהן און האָט זיך שטאַרק פֿערוואונדערט.

דער גריידיצער רב האָט געהייסען צוזאַמענרופֿען אַ מנין יודען און האָט זיי געהייסען זאָגען ויהי נועם יושב בסתר און נאָך עטליכע קאַפּיטלאַך תהלים. ס'איז אָבער זיי שווער געווען צו זאָגען, וואָרען אַזוי ווי נאָר זיי האָבען אָנגעהויבען צו זאָגען דעם תהלים האָט דער דיבוק אָנגעהויבען צו ביללען אַזוי הויך, אַז זיי האָבען נישט געהערט וואָס זיי זאָגען. דער גריידיצער רב האָט געזעהן אַז דאָס איז אויך קיין פּעולה נישט, האָט ער אָנגעהויבען אַליין צו טענה'ן מיט דעם דיבוק ער זאָל פֿון דעם יונגעל אַרויסגעהן, וועט ער איהם געבען אַ תיקון און וועט פּועל זיין אין הימעל מען זאָל איהם אַריינלאָזען אין גיהנם אַריין. אָבער דער דיבוק האָט זיך פֿון דעם אויסגעלאַכט, און ער האָט געענטפֿערט דעם גריידיצער רב אויף יעדען וואָרט מיט ביללען, פּונקט ווי אַ הינד וואָלט געבילט.

נאָך דעם האָט דער גריידיצער רב געהייסען בלאָזען שופר און ער האָט צו געזאָגט: „זאָלסט וויסען אַז מיר בית דין שלמטה באַשווערען דיך זאָלסט באַלד אַרויסגעהן פֿון דעם יונגעל אָהן שום שאָדען, אויב נישט זענען מיר דיך מחרים פֿין ביידע עולמות אויף אייביג. ביי די ווערטער האָט מען ווידער געבלאָזען שופר. אָבער דאָס האָט אויך נישט גע'פּועל'ט. נאָך דעם האָט דער גריידיצער רב אָנגעהויבען מיט ביידע דיינים אַריינצוקלערען, צו מען מעג דעם דיבוק על פּי דין משביע זיין מיט אַ ספר תורה, אַז ער זאָל מוזען אַרויס. איז געבליבען ביי זיי אַז מען מעג איהם משביע זיין מיט אַ ספר תורה.

דאַן האָט דער גריידיצער רב געהייסען עפֿענען דאָס פֿענסטער. און האָט געהייסען אָנצינדען אַ סך ליכט. דערנאָך האָט ער אויפֿגעעפֿענט דעם אָרון הקודש און האָט באַשוואָהרען דעם רוח הטומאה מיט'ן כח פֿון דער קדושה פֿון די ספרי תורות וואָס שטעהן דאָ אין אָרון הקודש, זאָל דער דיבוק באַלד פֿון דעם יונגעל אַרויס אָהן שום שאָדען. אַזוי ווי נאָר דער גריידיצער רב האָט די שבועה אַ־ויסגעלאָזט פֿון זיין הייליג מויל, האָט דאָס יונגעל אָנגעהויבען שטאַרק צו ברעכען און איז זעהר פֿער'חלש'ט

געוואָרען

נעוואָרען. מען האָט דאָס זעליגלען אָנגעהויבען צו מינטערען מיט אָקאָוויט מיט ווייך און ס'איז געלונגען איהם צו דערמינטערען.

אַז זעליגעל האָט גיעפענט די אויגן, האָט ער באַלד אָנגעהויבען צו ריידען חי גיוועהנליך, און די ערשטע ווערטער זיינע זענען גיוועזען: „אוי מאַמעשי! ווי בין איך עפעס? וואָס שטעהן עפעס נעבען מיר אַזוי פיעל מענשען“? דערנאָך האָט בערקאָ אָנגעהויבען צו ריידען מיט זעליגלען און ער האָט איהם געפרעגט: „מיין קינד וואָס טהוט זיך עפעס מיט דיר, וואָס טהוט דיר וועה“? זעליגעל האָט געזאָגט, אַז איהם טהוט גאָר נישט וועה, נאָר ס'הינגערט איהם. דער גריידיצער רב האָט געהייסען מען זאָל איהם פרובען און הייסן קישען די מזוזה. האָט ער געקישט. נאָכהער האָט מען איהם גיגעבען אַ ביסעל ווייך און מען האָט איהם געהייסען מאַכען אַ „בורא פרי הגפן“ האָט ער געמאַכט גאַנץ גוט אַ ברכה. דער גריידיצער רב האָט געהייסען מען זאָל איהם באַלד אָנטהון ציצית. נאָך דעם איז ער נאָך עטליכע טאָג גיוועזען ביים גריידיצער רב אין בית המדרש און מען האָט זעליגלען נישט אַרויסגעלאָזט אין ערגיץ, וואָרען דער גריידיצער רב האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף נאָך אַ ביסעל שמירה. פאַר'ן אַוועקפאָהרען האָט דער גריידיצער רב איהם אָנגעטהון אַ קמיע ער זאָל שטענדיק געהן אָנגעטהון מיט די קמיע. און בערקאָ מיט זעליגלען זענען אַהיים געפאָהרען גאַנץ געזינד. זעליגעל איז נאָך גיוועזען עטליכע חדשים שוואַך, אָבעס ער איז אינגאַנצען געקומען צו זיך און האָט שוין אָנגעהויבען צו לויפען אין חדר אריין.